אין קאמפף וועסטו דיין רעכט ערווערבען.

# מיין ענטרינונג פון קאטארגא

פון

## גריגארי גערשוני

ארויסגעגעבען פון דער פארטיי סאָציאליס־
טען רעוואָלוציאָנערען אין אמעריקא.

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

205 איסט בראָדוויי, נויאָרק
יאנואר, 1907.

441



הספריה [illegible]
אלישע אר[illegible]
מוסד [illegible]

אויפ׳ן שיף „כינא“ אויף
דעם פאסיפישען מעער.
.1906

פאר יעדערן איז פערשטענדליך, אז פון דעם טאָג אָן וואָס מען האָט אונז איבערגעפיהרט פון שליעסעלבורג, זיינען אלע אונזערע געדאנקען געווען אָנגעווענדעט אויף איין פונקט: ענטרינען.

אין מאָסקווא איז אין דער צייט פון דיא ערשטע צוויי מאָנאטען קיין אונטערנעהמונג ניט מעגליך געווען איבער דער קראנקער פוס. דערצו איז דיא שטרייגנע בעוואכונג אין טורמע אזוי פערשטארקט געוואָרען מיט מיליטערישע און אלע אנדערע ערליי קאראאולען, אז מען האָט געמוזט אויפגעבען יעדען געדאנק וועגען ענטרינונג.

אוועקגעפיהרט האָט מען אונז פון מאָסקווא אונערוואַרטעט. וויא מיר זיינען נור אָנגעקומען קיין אקאטוי אזוי האָבען מיר שוין אָנגעהויבען אויסצואַרבייטען אלערליי מעגליכע פלענער. אָבער ניט קוקענדיג אויף אלע פלענער האָט זיך ארויסגעשטעלט אז לויפען פון דאָרט איז ניט דער ערך שווערער איידער מען האָט דאָס געקענט ערוואַרטען.

דיזע שווערקייט איז נאָך געווען אונמעגליכער איבער דעם וואָס ביז יעסין צייט האָבען דיא געפאנגענע געהאט דיא מעגליכקייט ארויסצוגעהן פון טורמע דרויסען אויף זייער עהרענוואָרט אָהן דער בעגלייטונג פון קאָנוואָי. מיסברויכען דיזען פערטרויען פון דער נאטשאלסטוואָ אויף דעם עהרען-וואָרט און בענוצען זיך דערמיט צו קענען אנטלויפען האָט זיך אין דיא רעוואָלוציאָנערע קרייזען גערעכענט אונערלויבט און זאָגאר פאר א פערברעכען. איבער דיעזען אומשטאנד זיינען אפילו דיא, וואָס האָבען ניט געקענט ארויסגעהן אויף זייער עהרען-וואָרט, אויך געווען וויא געבונדען אין זייערע האנדלונגען און האָבען קיין זאך ניט געקענט טאָהן.

עס זיינען אריבער מאָנאטען און עס איז ניט געלונגען קיין זאך צו אונטערנעהמען. פיער מאָהל זיינען געמאכט געוואָרען

פראָבען, וועלכע האָבען, וויא עס האָט זיך אָנפאַנגס געדוכט, גע־דאַרפט ענדיגען מיט אַ פולען ערפאָלג, אָבער זיינען יעדען מאָהל דורכגעפאַלען איבער צופעלע, וועלכע מען האָט ניט געקענט פאָראויס זעהען. גליקליכערוויזע זיינען דיא אַלע פערזוכען גע־בליבען אונבעוואוסט פאַר דער אַדמיניסטראַציע פון געפענגנים.

עפּעס אַזוי וויא אַ שווערער מזל וואָלט געהאַנגען איבער אונזערע פּלענער צו אַנטלויפען און וויא עס וואָלט געווען אַ מין באַשערטע זאַך, אַז קיין אונטערנעהמונג זאָל ניט געלינגען. מיר זיינען לחלוטין פערצווייפעלט געוואָרען פון דיעזען שטענדיגען דורכפאַלען.

עס איז געבליבען נור איין האָפנונג. דעם 12טען סעפּטעמבער פון דיזען יאָהר, האָט מען מיך געדאַרפט אָפּלאָזען פון טורמע אין דער „פּרייער קאָמאַנדאַ“, פון וואַנען עס איז פיעל לייכטער צו ענטרינען אַלס פון טורמע. *) אַזוי אָבער וויא דיא פערוואַלטונג פון דער קאַטאָרגע און דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון סיביר האָבען מורא געהאַט און זיך ניט געקענט ענטשליסען אויף זייער איי־גענע אחריות ארויסצולאָזען מיך אין דער „פּרייער קאָמאַנדאַ“, און טאָהן דאָס האָבען זיי געמוזט ווארום דאָס איז דאָך זייער אייגע־נער געזעץ, האָבען זיי זיך וועגען דעם ספּעציעל אָנגעפרעגט אין פּעטערבורג.

אין פּעטערבורג האָט מען דיא זאַך לאַנג געצויגען ביז ענדליך אין אָנפאַנג פון אָקטאָבער האָט דער נאַטשאַלניק פון טורמע ער־האַלטען אַ טעלעגראַמע, אין וועלכער מען בעפעהלט איהם, אַז „אַלע געוועזענע שליסעלבורגער וועלכע דאַרפען ארויסגעלאָזען ווערען אין דער „פּרייער קאָמאַנדאַ“, זאָל מען האַלטען ווייטער געפאַנגען אין טורמע; וואָהנען אויסערן טורמע זאָל מען זיי בשום

---

*) אין דער „פּרייער קאָמאַנדע“ פיהרט מען אריבער דיא קאַטאָרזש־ניקעס נאָך אַ געוויסען משך צייט, ווען מען געהט שוין ארויס פון דער ריזהע פון אויספּרובירטע און אויסגעבעסערטע. דיא געפאַנגענע פון פּרייע קאָמאַנדע וואָהנען אויסערן טורמע; בייטאָג קענען זיי געהען וואו־הין זיי ווילען. מיט איין וואָרט, זיי האָבען געוויסע פּריוויליגיעס. האָרפּאַוויטש איז אויך געווען שוין אין דער פּרייער קאָמאַנדע.

אופן ניט ערלויבען און פון טורמע ניט ארויסלאָזען". דאָס האָט געהייסען: לאָז איבער דיינע האָפנונגען אהינמער זיך ווען דוא ביסט אריין אהער.

דיא לאַגע האָט אָנגענומען אַ שרעקליכע ווענדונג. ביי דיזער צייט זיינען צוויי אַלטע נאַטשאַלניקעס פון טורמע אראָפּ פון פּלאַץ איינער נאָך דעם אנדערן און זיינען צוזאַמען מיט איין הילפס־נאַטשאַלניק געשטעלט געוואָרען פאר אַ געריכט, פאר וואָס זיי האָבען ניט פאָרגענומען קיין שטריינגע מיטלען געגען דער מעג־ליכקייט צו אַנטלויפען. אַלס נייעם נאַטשאַלניק האָט מען אויפ־געשטעלט דעם געוועזענעם נאַטשאַלניק פון סאַכאַלין, אַ געוויסען זובקאָווסקי. ער איז אָנגעשטעלט געוואָרען פון פּעטערבורג, פון וואַנען ער איז אָנגעקומען מיט שטריינגע בעפעהלע: אָנציהען דיא לייצעס שטריינגער אין דער צולאָזענער טורמע, איינפיהרען אָרד־נונג וויא עס געהער צו זיין און אָנווענדען דיא שטריינגסטע מיט־לען געגען דער מעגליכקייט צו אַנטלויפען. פאר אַזאַ פאַל איז ער פעראַנטוואָרטליך.

מיט זיין אָנקומען האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייע פּעריאָדע אין דעם לעבען פון דיא אַקאַטויצעס. אַ קורצע צייט פאר זיין אָנקומען האָט מען שוין פערשטאַרקט דיא בעוואַכונג פון טורמע. אויסער דעם אַלטען קאָנוואָי האָט מען אריינגעשיקט נאָך אַ גאַנצען רעגימענט סאָלדאַטען. תיכף נאָך דעם וויא ער איז געוואָרען נאַטשאַלניק איז ערהאַלטען געוואָרען טעלעגראַפיש אַ בעפעהל, אַז אין צייט פון 24 שטונדען זאָל מען ארויסשיקען פון אַקאַטוי אַלע זייטיגע מענשען, וועלכע וואָהנען דאָרט מלחוץ פון טורמע און אין דיא אַרומיגע דער־פער, ד. ה. הויפּטזעכליך דיא פרויען און קינדער, וועלכע האָבען ניט נור „געזעצליך" דאָס רעכט צו וואָהנען אין דעם ראַיאָן פון געפענג־ניס, נור לויט דעם געזעץ האָבען אַ רעכט צו פאָדערן אַ וואָהנונג ביי דער אַדמיניסטראַציע פון געפענגניס און דיא אַדמיניסטראַציע איז דאָס זיי מחויב צו געבען.

אין דיא דונקעלסטע צייטען פון רעאַקציאָן אין רוסלאַנד, האָבען זיי זיך קיין מאָל ניט ענטשלאָסען צו געברויכען אַזעלכע אונגעזעצליכקייטען, וויא אויסווייזען דיא פאַמיליעס פון דיא קאַטאָרזשנע געפאַנגענע. עס שיינט, אַז דער „קאָנסטיטוציאָנעלער קאַבינעט" פון סטאָליפּין האָט אַ גרעסערע פאָלמאַכט „איינצופיה־

רען געזעצליכקייט" אלס עס האָבען געהאט דיא בעוואוסטע מי־ניסטאָרען טאָלסטאָי, איגנאַטיעוו, סיפּיאַגין און פּלעהווע.

זעהען זיך מיט קרובים אין טורמע איז פערבאָטען געוואָרען; מען האָט צוגעלאָזען בלויז צו זעהען זיך אין דער קאַראַאולקע אין דער אַנוועזענהייט פון דיא אויפזעהער. אַלעס וואָס עס איז אריינ־געטראָגען געוואָרען אין טורמע אָדער וואָס איז ארויסגעטראָגען געוואָרען פון דאָרט, איז דורכגעזוכט און דורכגעקוקט געוואָרען זעהר גענוי. דעם אויסערליכען קאָנוואָי האָט מען אָהן א שיעור פער־גרעסערט. פריהער זיינען געשטאַנען פיער סאָלדאַטען אלס אויסערע וואַך, איצט האָט מען איהם פערגרעסערט אויף איבער צוואַנציג מאַן סאָלדאַטען. אין דער טורמא גופא איז פריהער קיין קאָנוואָי גאָר ניט געשטאַנען, עס איז נור געווען דער דעזשורנער נאַדזיראַ־טעל (אויפזעהער) און איצט האָט מען נאָך יעדער פּאָוויערקע דיא טורמע איבערגעגעבען דעם מיליטערישען פּאַטרול, וועלכער האָט זיך געביטען אַלע צוויי שעה. אויף יעדער ווינקעל פון דער וואַנד אַרום געפענגנים האָט מען אָנגעהויבען אויפצובויען הויכע טהור־רעמס, וואו עס זאָלען שטעהן און היטען דיא וואַך־פּאָסטען. קורץ, מען האָט אָנגעהויבען איינפיהרען „געהעריגע אָרדנונג".

עס האָבען זיך אָנגעהויבען אָביסקעס. ביי דעם ערשטען אָביסק האָט זיך שוין ארויסגעשטעלט, אַז פון דער קאַמער נומער 3 איז אונטערגעגראָבען געוואָרען אַ גרויסאַרטיגער טונעל, וועלכער איז שוין דורכגעפיהרט געוואָרען אונטערן פונדאַמענט פון טורמע און ביז ווייטער דיא וואַנד. אויף דיזען טונעל, דורך וועלכען מען האָט גערעכענט דורכפיהרען אַ מאַסע מענשען, איז פערברויכט געוואָרען פיעל צייט און האָט געקאָסט פיעל אַרבייט, ווארום מען האָט איהם געמאַכט מיט פערפעסטיגונגען אין דיא דורכגעגראָבענע גאַלערע־יעס. דיזע גאַנצע אַרבייט איז פערלאָרען געגאַנגען. דיא לאַגע איז נאָך שלימער געוואָרען. אויפ׳ן צווייטען טאָג האָט מען פון דעסט־וועגען ווידער אָנגעהויבען גראָבען אַ טונעל אין דעם הויף פון טורמע, פון דער זייט, וואו דער ברונען געפינט זיך; אָבער אין צוויי וואָכען אַרום איז אויך דיזע אונטערנעהמונג דורכגעפאַלען.

דיזע דורכפעלע פון טונעלען, ניט רעכענענדיג שוין דיא פיער אַנדערע פּראָבען צו אַנטלויפען, האָבען געצוואונגען אָוועקצושטעלען

אזוי דיא פראגע: ענטוועדער פּאַרנעהמען אַן אויסערגעוועהנליכען פּלאַן אָדער אויפגעבען יעדע האָפנונג ארויסצוראַטעווען זיך.

דרויסען, אויף דער פרייהייט, האָט מען אונטערדעסען זיך שטאַרק געוואונדערט; מען האָט ניט פערשטאַנען וואָס טהוט זיך דאַ: פון דעם מאנאַט יולי אַן זיינען פון אקאטוי פיעלע ענטרונען, און ביי יעדען האָט זיך געשטעלט דיא פראַגע: ווארום זשע לויפען ניט דיא פּאַרטיי־מענשען? עס האָט אויסגעזעהען אזוי וויא דיא גאַנצע מניעה וואָלט געווען פון זיי אַליין, אַז אַנטלויפען איז לייכט, נאָר מיר ווילען ניט, און אמת'ן אבער זיינען אַלע ענטרינען פון אַקאַטוי פאר דעם יאָהר 1906, מיט דער אויסנאַהם בלויז פון צוויי *), געווען אונערלויבטע פון שטאַנדפונקט פון רעוואָלוציאָנע־רע מאָראַל. מענשען זיינען געלאָפען, ווען זיי האָבען געגעבען זייער עהרענוואָרט דער אַדמיניסטראַציע, אַז זיי קעהרען זיך אום אָדער אונטער אומשטענדען, וועלכע זיינען נאָך ווייניגער ערלויבט אַלס דיזע. דיעזע פעלע זיינען געווען אַ גרויסער אונגליק פאר דיא פּאָ־ליטישע קאַטאָרזשנע. זיי האָבען געגעבען דעם פיינד דיא מעגליכ־קייט צו זאָגען מיט גיפטיגער שמחה, אַז אומזיסט שטאָלצירען דיא רעוואָלוציאָנערען מיט זייער עהרליכקייט און נאָבעלקייט.

מען מוז בעמערקען, אַז דיא גאַנצע אַקאַטויער פּאָליטישע קאַ־טאָרגע איז געווען זעהר אויפגעבראַכט פאר ברעכען דעם געגעבע־נעם עהרענוואָרט און עס איז זאָגאַר איין מאָל אָנגענומען געוואָרען אַ בעשלוס, אַז מען זאָל אַזעלכע פיינע מענשען באָיקאָטירען און זייערע נעמען לאָזען וויסען פאר דיא טהעטיגע אָרגאַניזאַציאָנען.

איצט שוין, נאָך מיין ענטרינונג, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ווען זיי זיינען שוין פריי זאָגען זיי ניט אויס אַז זיי זיינען אוועק דורך דעם וואָס זיי האָבען געבראָכען זייער עהרענוואָרט, און אַז מען פרעגט זיי פאר וואָס לויפען ניט דיזע און דיזע חברים, ענטפערן זיי צווײדײטיג, אַז מסתמא האָבען זיי קיין לוסט ניט צו אַנטלויפען.

---

*) דאס ענטרינען פון אקומצעוו מיט זיין חבר מעלניקאָוו אין טו־רשנטאיטווס.

דיא נויט לערנט אוים. מיר האָבען זיך ענדליך אָבגעשטעלט אויף פאָלגענדען פלאַן, אלס מעהר אָדער וויניגער צוועקמעסיג: אלעס וואָס ווערט ארויסגעטראָגען אָדער ארויסגעפיהרט פון טורמע, וויא צ. ב. ש. מיסט־קאַסטענס, דיא „גאָלד־פעסעל“, דיא וואסער־פאַס, קע״ב מיט זאכען, דאָס אַלעס ווערט דורכגעקוקט און דורכגע־זוכט זעהר גענוי. אָבער דאָ איז נאָך דאָ איין זאַך, וועלכע לאָזט זיך פיעלייכט אויסנוצען. איבער׳ן וועג, ניט ווייט פון טורמע, גע־וועהנליך אויסערן וואַנד, שטעהט א גרויסע געביידע, אין וועלכער עס געפינט זיך דיא קאַנצעלאַריע פון געפענגניס און דיא וואָהנונ־גען פון דעם הילפס־נאַטשאלניק, פון דיא אויפזעהער און נאָך אזעלכע.

אין הויף פון דיזע הויז געפינט זיך דער קעלער פון געפענגניס, וואו עס ווערט אוועקגעשטעלט דיא גאַנצע עסענוואַרג און פראָ־וויאַנט פאר דיא געפאַנגענע. דער פערוואלטער פון קעלער איז איי־נער פון דיא אויפזעהער. דער שליסעל געפינט זיך געוועהנליך ביי דעם אויפזעהער, נאָר אזוי וויא דיא מעהרסטע פריפּאַסען מאַכען מיר אליין פארטיג, דארום האָבען מיר געהאַט א רעכט אין דער בעגלייטונג פון קאָנוואָי אריינצוגעהן אין קעלער.

פיר דעם ווינטער פלעגען מיר פערפערטיגען זויער־קרויט. אליין סעטקעווען מיר זיא, פילען אָן דיא פעסער און טראָגען ארויס דיא פעסער פון טורמע אין קעלער. מיר האָבען אזוי אויסגערעכענט: ניט קוקענדיג דארויף וואָס אלעס וואָס ווערט ארויסגעפיהרט פון טורמע ווערט גענוי דורכגעקוקט, פון דעסטוועגען קען זיין אז א פאַס מיט קרויט, וועלכע מען פיהרט דאָך ניט אוועק אין קיין פריי־ען פלאַץ נאָר דאָ אין קעלער פון טורמע, וועלען זיי דורכלאָזען ניט נאָכזוכענדיג גענוי, בפרט אז זיי אליין שטעהען דערביי און גיבען אכטונג. דאָס הייסט זיי אליין פיהרען דאָך דאָס ארויס און פון קעלער איז דאָך אויך ניטאָ קיין מעגליכקייט ארויסצוגעהן.

ווייטער האָבען מיר אזוי אויסגערעכענט: אויב עס וועט גע־לינגען אין א פעסעל קרויט אימיצען אריינצובריינגען אין קעלער, דארף אין קעלער שוין דורכגעפיהרט זיין פון פריהער א טונעל צווישען דעם פונדאמענט און דיא ברעטער, וואָס דאָס זיינען דיא דילען פון הויז. מען דארף דורכזעגען דיא דילען און דורך זיי אריינ־

קלייבען זיך אין דעם טונעל, דורך דעם טונעל ארויס דרויסען און פון דאָרט ווייטער.

מען האָט גוט אונטערזוכט דעם פּלאַץ און מען האָט אָנגע־הויבען גראָבען. אין צייט פון עטליכע טעג איז דאָס פארטיג גע־וואָרען.

אין יענעם פּלאַטץ פון קעלער, וואו איך האָב געדארפט דורכ־קריכען האָט מען נור געדארפט דורכזעגען דיא דילען, וואָס דאָס איז געבליבען אויסצופיהרען אין אבענד, א נאכט פאר׳ן געפּלאַנטען אנטלויפען.

דערוויילּ האָט מען בעקומען אַ באַב, וואָס דאָס איז זעהר שווער אָנגעקומען. דיא פּאס איז געוועזען אונגעפעהר אָנדערהאַלבען ארשין דיא הויך און אַן ארשין דיא ברייט. מען האָט אָנגעסעטקע־וועט קרויט און אויף דעם בעשטימטען טאָג אָבגעמאַכט ארויסצו־פיהרען.

אויב עס וועט נאָר געלינגען אין אבענד דורכצוזעגען דעם נויי־טיגען פּלאַטץ אין דיא דילען דאַן איז שוין אַלעס פארטיג. גאַנץ פריה דארפען מיר בעקומען אַ סיגנאַל אַז דאָס איז געלונגען און דאַן קריך איך אין פּאס ; אויב זשע אַזאַ סיגנאַל וועט ניט זיין, דאַן דארף מען דאָס נאָך אָבהאַלטען.

דער אין־דער־פריה איז אָנגעקומען, נאָך לאַנגען אונגעדולדי־גען ווארטען ווערט ערהאַלטען אַ סיגנאַל ניט קיין גוטער, דער פּלאַן איז דורכגעפאַלען. דאָס איז נעמליך דיא פּערטע אונטערנעהמונג. עס האָט זיך צום סוף ארויסגעשטעלט אָט וואָס : דיא לייט וואָס האָבען געדארפט אויסגראָבען דעם טונעל אונטערן פונדאַמענט און האָבען דאָס אין לעצטער נאכט געדארפט ענדיגען, האָבען פּלוצלונג דערזעהען פון ווייטען דיא קאַראַאולע אויפזעהער און אהינטער זיי רייטער — מיט איין וואָרט, עפּעס אַ גאַנצע טרעוואָגע, אַן אויסער־געוועהנליכע. דאָס האָבען זיי דערזעהען ביי נאכט, ווען זיי זיינען געגאַנגען צום קעלער דערגראָבען ווייטער דעם טונעל. רעכענענדיג אַז דאָס האָט אימיצער פון דיא קרימינעלע ארעסטאַנטען ארויס־געגעבען דעם סוד, אָדער אַז דורך אַ צופאַל האָט דיא נאטשאַלסטוואָ אַליין דערשמעקט עפּעס, זיינען זיי פון דאָרט אַוועק און האָבען דערנאָך דורך אַ סיגנאַל געלאָזט וויסען, אַז דיא ארבייט קען ווייטער

ניט אָנגעהן. און דיזען פריהמאָרגען גראַד האָבען מיר זיך אויף דערוואוסט פון דעם נייעם בעפעהל, אז מען זאָל געניי אונטערזוכען יעדעם פעסעל, וואָס מען פיהרט ארויס פון טורמע.

מיר זיינען געווען פערצווייפעלט. וואָס מען אונטערנעהמט ניט פאַלט אַלעס דורך. עס איז, דוכט זיך, שוין איצט קיין ספק ניט געווען, אַז דיא אַדמיניסטראַציע האָט זיך דערוואוסט פון אונזער פּלאַן. מיר האָבען גערעכענט, אַז אימיצער האָט אונזער סוד ארויס־געגעבען. דער טאָג איז אָבער אריבערגעגאַנגען רוהיג. דיא אַדמיני־סטראַציע האָט ניט אָבגעגעבען קיין בעפעהל פון וועלכען מען זאָל קענען דרינגען, אַז זיא וויים וועגען דעם געגראָבענעם טונעל אין קעלער. מיר האָבען שוין ווייטער זיך אויפגעהויבען אויף פליגלען. מיר האָבען אָנגעהויבען האָפען. אויב דיא אַדמיניסטראַציע וויים ניט פון דיא אויסגראָבונג פון קעלער, דאַן איז דאָך מעגליך אַז דיא וואָס האָבען געדאַרפט לעצטע נאַכט טאָהן דיא ארבייט האָבען גע־מאַכט אַ טעות וועגען דער טרעוואָגע, וואָס זיי האָבען געזעהען. דיא זאַך איז אַזוי געווען: אַקוראַט מיט אַ טאָג פריהער, וויא איך האָב שוין אויבען דערצעהלט, האָט דיא אַדמיניסטראַציע ענטדעקט דעם גראָבען, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען פון ברונען אין הויף פון טורמע. קען דאָך זיין, אַז אַלע שטרייטיגקייטען האָבען זיך היינט אָנגעהויבען איבער דעם, דאָס אוועקשטעלען פון אויפזעהער אויף דיא פּאָסטען, אונטערזוכונגען ארום טורמע ריי־טענדיג אויף פערד, דער שטרייננגער בעפעהל צו אונטערזוכען דיא פעסער *) — דאָס אַלעס קען זיין איז איבער דעם ענטדעקטען גראָבען פון ברונען, וועלכער האָט אַזוי צוטומעלט דיא גאַנצע אַדמי־ניסטראַציע. אויב עס איז אַזוי, איז דאָך דיא נאַטשאַלסטוואָ אויף אַ פאַלשען סליאַד און מיר מעגען ווייטער אָנגעהן מיט אונזער פּלאַן.

מיר האָבען בעשלאָסען צו געפינען 5 סמעלע מענשען און אַזעלכע אויף וועלכע מען זאָל זיך מיט זיכערהייט קענען פערלאָזען און זיי זאָלען פאָרטזעצען דיא ארבייט, גראָבען ווייטער דעם טו־

*) עס קען זיין, אַז זיי האבען דאס געוואָלט אונטערזוכען צו פיהרט מען ניט דיא אויסגעגראָבענע ערד אין דיא פעסער, גאָר ניט האָבענדיג קיין אהנונג וועגען דיא זויער־קרויט פאס.

נעל אין קעלער און זיי מוזען ענדיגען דיא ארבייט ניט שפּעטער וויא אין צוויי טעג ארום, ווארום יעדער טאָג האָט געבראכט עפּעס נייע גזירות, נייע שטריינגקייטען.

דער פריה־מאָרגען האָט געבראכט גאָר אַן אונערוואַרטעטע שווערקייט: ביי נאכט איז ארויסגעפאלען דער ערשטער געדיכטער שנעע, וועלכער עס קען ווייזען זעהר אַ געפעהרליכען סליאַד. אָבער ניט קוקענדיג דאַרויף איז בעשלאָסען געוואָרען אָנצוגעהן ווייטער מיט דער אונטערנעהמונג, אויב נור פון דרויסען וועט זיין דער סיגנאל אַז דאָרט איז אלעס וויא עס דאַרף צו זיין. אַ היבשע צייט איז אונז געגעבען געוואָרען פון דרויסען דער צייכען: אונבעשטימט. זייענדיג שוין געוועהנט אויף אלערליי אופנים דורכצופאלען, איז אונז געוואָרען טרויעריג אויפ׳ן הארצען — צו זיינען מיר שוין ווידער ניט דורכגעפאלען. פּלוצלונג קומט אַ נאכריכט, אַ סיגנאל: „אלעס איז וויא עס בעדאַרף צו זיין, מען קען אָנהויבען.“ ענדליך! מען מוז זיך איילען. דיא פּאַס מוז מען ארויספיהרען פון טורמע גאַנץ פריה, ווען דער נאטשאלניק שלאָפט נאָך, אַז זיא זאָל זיך איהם מעשה שטן ניט ווארפען אין דיא אויגען, ד. ה. עס דאַרף אָבגעטאָהן ווערען ביז 8 אָדער ביז האלב נאָך 8 אין דער פריה.

אין דעם פּלאַן, וואו מען האָט געדאַרפט פערמאכען מיך אין פּאַס, איז שוין אלעס געווען פאַרטיג. אום אַז דיא אויפזעהער זאָל זיך ניט ווארפען אין דיא אויגען וואָס מען זעהט מיך ניט, בין איך אוועק צו דעם דעזשורנעם און האָב ביי איהם אַ בעט געטאָהן אַ קאנוואָי, ווייל איך דאַרף געהן ארייננטראָגען האָלץ פאַר אונזער אויוועז. איך האָב ארייננגעבראכט דיא האָלץ און דיא אויפזעהער וועלען שוין אַ גאַנצען טאָג געדיינקען אַז זיי האָבען מיך דאָך אָט דאָ אין דער פריה געזעהען. דעם עלטסטען אויפזעהער האָב איך געגעבען אַ בוך צום לעזען *) און איך האָב מיט איהם אָבגעמאכט אַז מאָרגען אין דער פריה וועט ער מיר צושיקען דעם שניידער. גאַנץ אונבעמערקט האָב איך זיך פערקליבען אין דער קאמער, וואו עס איז געשטאַנען דיא פּאַס. דערווייל איז בלויז דאָ נור איין גע־

*) איך און י. ס. סארקאָוו זיינען געווען דיא פערוואלטער פון דער געפענגניס־ביבליאָטהעק.

פאהר, אימיצער קען באלד ארײנקומען און דערזעהען דיא גאנצע מאכינאציע. מיר האָבען אװעקגעשטעלט א שומר.

דער ערשטער אקט קומט פאָר, ארײנגעפּאקט זיך אין פּאס. זיא איז ניט קײן הויכע, עטװאָס נידריגער פון גארטעל; אין איהר האָט מען זיך דאָס געדארפט ארײנקלײבען און צונויפדרעהען זיך אזוי, אז מען זאָל פון אויבען קענען אָנשיטען פון א דריטעל ביז א האלב ארשין זויער־קרויט. אום ניט דערשטיקט צו װערען זײנען אין דעם פּלאַץ װאו איך בין געװען ארײנגעפּאקט געװאָרען מעהר ניט װי די קלײדער, װעלכע איך האָב געמוזט מיטנעהמען אום דער־נאָך אָנצוטאָהן. איבער'ן קאָפּ האָט מען מיך פערשלאָגען מיט א דיקען לעדער און אויף דיא לעדערנע דעק אָנגעשאָטען נאסע זויער־קרויט.

אזוי װיא אין דעם שטיקעל פּלאַטץ, װאו איך זיץ אין פּאס, איז װײניג לופט און דיא ביסעל לופט איז פערגיפטעט מיט קוילען־זויערע, זײנען אין דעק דורכגעעגבערט געװאָרען צװײ לעכער דורך װעלכע עס זײנען דורכגעצויגען געװאָרען צװײ גומענע רעהרען, אײנע אויף אײנצואטהעמען דיא לופט און דיא צװײטע אויף ארויסצואטהעמען. עס איז שיער ניט געמאכט געװאָרען אונגליק־ליכער װײזע א געפעהרליכער פעהלער. מען האָט אָנפאנגס געמאכט נור אײן רעהר פיר אײנאטהעמען און אויסאטהעמען, אָבער דיא פּראָבע האָט באלד בעװיזען אז דיא לופט קען ניט בעװײזען ארײנ־געפּומפּט און ארויסגעפּומפּט צו װערען אזוי גיך װיא נויטיג פיר דעם אטהעם און אין צײט פון צװײ דרײ מינוט הויבט מען זיך שוין אָן צו שטיקען. אום אויפצוהאלטען דיא טהעטיגקײט פון הארץ איז מיטגענומען געװאָרען אין פּאס עטהער און װײן װיא אויך אײז־װאסער.

ארײן, צונויפגעדרעהט זיך אין דרײען, אויב ניט אין מעהר. דיא פערקלאפּער פון אויבען דריקען נאָך מעהר צו דיא ברוסט, דיא טרײבלאך אין מויל. אימיצער גיט נאָך אין אײלענעס א דריק דיא האנד, אימיצער קושט אין קאָפּ. — נו, זײ געזונד הארציגער, עס װעט זײן גוט, זײ רוהיג! — איבערן קאָפּ פערציהט מען דיא לעדער. עס איז געװאָרען פינסטער. פּלוצלונג דערמאָנען זײ זיך:

„דעם טעלער, דעם טעלער! טייוואָלים דעם טעלער פערגעסען" *) נון האָט מען צוגעריכט שוין אויך דעם טעלער. שנעל שלאָגען עטלי־כע הענד צו צו דיא וועגטלאַך פון פּאַס דיא לערערנע דעקעל. איך הער וויא מען שעפּצעט, מען איילט מיט אימפּעט, שנעלער, שנע־לער. דיא קלאַפּעריי האָט אויפגעהערט. עס זיינען אריבער אייניגע מאָמענטען. פּלוצלונג אַ געוויש: טראַך! טראַך! דאָס שיט מען אָן דיא קרויט, דיא לעדער הויבט אָן אָבצולאָזען זיך און דריקט אויפ'ן קאָפּ; איבער דיא וואָנטעלאַך רינען קאַלטע שטראָמען פון ראָססעל פון דיא זויער קרויט.

באלד אין גאנצען איינגעטונקט אין דיא ראָססעל.

מיין גאנצע אויפמערקזאמקייט ווערט אָנגעווענדעט אויף צו איינרעגולירען דאָס אטהעמען. פּאָרזיכטיג צונעהם איך דיא גומענע טרייבלאך, זיי זאָלען זיך ערגעץ ניט פערבויגען און פערהאלטען די לופט; איך זעה צו אטהעמען גלייך, רעגולער, טיעף און הויפּטזעכ־ליך ניט צו פערפּלאָנטערן דיא טרייבלאך. דיא אויסגעאטהעמטע לופט ניט צו לאָזען אין דער טרייבעל, פון וועלכער איך דארף איינאטהעמען, און פערקעהרט. אַ געדיכטע פינסטערניס. דומפּיג הערט זיך דער טומעל און רויש פון דיא געשאָטענע זויער־קרויט,— גאָר אזוי וויא ערד וואָלט זיך שיטען אויף דעם דעקעל פון קבר, טראָגט זיך דורך אין קאָפּ אַ געדאנק, אָבער דאָס טראָגט זיך בלויז דורך און לאָזט ניט איבער קיין איינדרוק.

פּלוצלונג דערהער איך אַ געוויש, אַ קלאַפּעריי אין טיהר, דער־נאָך אָן אונרוהיגען געשריי: „נעהם שוין אראָפּ, זאָל ער ארויס־קריכען!" — וואָס הייסט ארויסקריכען, וואָס איז געשעהען? !! — דער אויפזעהער ביים טויער האָט אַ רוף געטאָהן דעם דעזשור־נעם... זיי שעפּצען זיך איבער וועגען עפּעס.... ער ווייזט עפּעס אָן... האָבען זיך אַ פּנים דערוואוסט; זאָל ער שנעלער ארויסגעהן...

---

*) ביים ארויסטראָגען דיא פאס פון טורמע האָט זיך דעם דעזשור־נעם אויפזעהער געקענט פערגלוסטען אויס נייגעריגקייט אן עגבער טהון מיט זיין שארפען שווערד אין דיא קרויט און אזוי ווי דיא לעדער איז ניט קיין זיכערע בעשיצונג, האָט מען בעשלאָסען אנטאָהן מיר א העלם אויפ'ן קאָפּ אין דער געשטאלט פון אן אייזערנעם טעלער.

איך הער שטימען ; איינינגע זאָגען : אַלץ איינס, פערפאַלען, דורכגעפאַלען, זאָל ער בעסער ארויס ! אַנדערע : דומהייטען, מאַלע וואָס זיי שושקען זיך דאָרט ! ווידער אַזוי וויא דעם לעצטען מאָל, נאַריש מאַכען זיך ! מיט׳ן שווערד שטעכען וועלען מיר ניט דער־לאָזען ! מען דאַרף פּרובירען געהן, אפשר וועט דאָס דורכגעהן ! *)

דיא לעצטע שטימען זיינען געוועזען פעסטער און זיכערער און אין גיכען האָט זיך דערהערט דער געשריי :

— עי, קינדער, דיא פּאַס לאָמיר אַוועקטראָגען אין קעלער ! ווער וויל העלפען ? זיבען מאַן דאַרף מען !

דער צווייטער אַקט איז דער וויכטיגסטען, דאָס דורכפיהרען דורך דער טויער פון טורמע.

דאָס אַטהעמען האָט זיך איינגערעגולירט און צוגעפּאַסט צו דער „אין דרייען געבויגענדיגער“ לאַגע, אַ קעלט נעהמט נאָר דורך פון דאָס רינענדע ראָסעל ; איך וואַרט ווען מען וועט אָנהויבען טראָגען. איך הער וויא מען פּאַדעט ארום ארום פּאַס.

פאַר וואָס זשע טראָגען זיי שוין ניט, וואָס דויערט ביי זיי אַזוי לאַנג ?

מיט איין מאָהל הער איך דאָס סקריפּען פון שליטען איבערן שניי ; איך פיהל אַז דיא לופט וואָס איך אַטהעם איין איז קאַלט און ערפרישענד. איך וויים ניט ווארום : צו דערפאַר וויל מיין לאַגע איז געוועזען אַן אונבעקוועמע אָדער איבער דאָס שלעכטע אַטהעמען פריהער, נור ניט אַלע איינדריקע זיינען שוין געוועזען וויר־קענד פאַר מיין בעוואוסטזיין ; איך האָב לחלוטין ניט געפיהלט וויא זיי האָבען אויפגעהויבען דיא פּאַס, וויא זיי האָבען זיא ארויס־געטראָגען פון יענער קאַמער, וויא זיי האָבען זיא אַראָפּגענומען פון

*) מערקווירדיג, וויא אין דער צייט פון דיעזע דעבאַטען איז ניט מיר און אפּנים זיי אויך ניט געקומען גאָר אויפ׳ן זינען, אַז איך קען וועגען דעם האָבען אויך מיין אייגענע מיינונג.

גאַניק פון הויז און וויא זיי האָבען זיא אַרויפגעשטעלט אויפ'ן שליטען *)

איך הער נור וויא אונזערע שרייען: עי, עפענט דיא טויער! און מיט אַ געראויש יאָגען מיר זיך אַריין אין דעם אַריינפאָהר פון טורמע, וואו אויף איין זייט געפינט זיך דער דעזשורנער קאָנוואָי פון אַ מאַן צוואַנציג, און אויף דער אַנדער זייט דער אויפזעהער. מען שטעלט זיך אָב. עס פערהאַנדעלט זיך דיא פראַגע וועגען דורכ־לאָזען דיא פאַס. וואָס דאָרט איז אָבער פאָרגעקומען האָב איך ניט געהערט.

מערקווירדיג איז דער פאַקט, דיא גאַנצע צייט פון מיין זיצען אין פאַס, פון דער מינוט אָן וואָס מען האָט פערשלאָגען אויבען די לעדערנע דעקעל ביז וואַנען איך בין ארויסגעגאַנגען פון איהר, האָב איך געפיהלט, וויא איך וואלט אליין גאר ניט ערוואַרט, קיין אויס־רעגונג, קיין אונרוהיגקייט, קיינע האָפנונגען, קיין צווייפעל, קיין מורא, קיין שמחה, קיין ערוואַרטונג, קיין זאך ניט. ניטאָ קיין פער־גאַנגענהייט, ניטאָ קיין צוקונפט. דיא שטימונג איז זעהר אַ וואַכע־דיגע, אַ געשעפטליכע אויב מען קען אזוי זאָגען, אזוי וויא ארום וואָלט קיין זאך ניט פאָרגעקומען. אין דיא גדאַנקען זיינען נור דיא אונמיטעלבאַרע איינדריקע, אָבער דער גדאַנק אליין ווירקט ניט צוריק אויף דיעזע איינדריקע און דיא פיעלע בעזונדערע איינ־דריקע בינדען זיך ניט צונויף אין איין קאָמפּליצירטעס גאַנצעס. דיא גדאַנקען זיינען נור אָנגעווענדעט אויף דאָס וואָס מען מוז טאָהן אין דעם אויגענבליק.

מיר איז אויסגעקומען צוויי מאָהל איבערצולעבען דיזעלביגע געפיהלען. ביי דעם לעצטען ארעסט און אין דער צייט פון פראָ־צעס, ווען מען האָט געפיהרט ביינאַכט אויסצוהערען דעם טויט־אורטהייל.

---

*) אום צו פערהיטען אז דעם אויפזעהער זאָל זיין אונבעקוועם צו אונטערזוכען דיא פאַס פון אויבען, ווען מען מוז זיך אָבשטעלען אין טהויער, איז בעשלאָסען געוואָרען, אז מען זאָל דיא פאַס ניט טראָגען אויף דיא הענד אין קעלער, ווארום דאן וואָלט מען זיא געדאַרפט אראָבלאָזען אויף דער ערד, מען האט זיא דארום געפיהרט אויף אַ שליטען.

אָבער צו דער זאַך: אין אַ צייט ארום נאָך דעם וויא מען האָט זיך אָבגעשטעלט אין טויער, דערהער איך אַ קלאפּעריי פון ביקסען. דאָס שטעלט זיך אוים דער קאנוואי; דערגאָך הער איך עפּעס אַ פייף פון אַ מויל און אַ רופענעס פון אונזערע: — נו, שנעלער, קינדער! איך פיהל אז מיר יאָגען זיך אראָב דעם בערגעל פון דעם צופאָהר צום טורמע. מיר זיינען מיט חסד דורכגעפאָהרען. מען האָט דורכגעלאָזען!

וויא מען האָט אויפגעהויבען דיא פּאס פון שליטען, וויא מען האָט זיא אריינגעטראָגען אין קעלער, דאָס האָב איך שוין גאָר ניט געפיהלט.

דער דריטער אקט איז ארויסצוקלייבען זיך פון פּאס, וואָס איז פערשאָטען פון אויבען מיט קרויט.

דער קעלער בעשטעהט אייגענטליך פון צוויי טהיילען, איין טהייל איז גלייך מיט דער ערד און דאָרט ווערען געהאלטען אלע פּראָוויאנטען. דאָס איז אַ גרויסע קאמער מיט געזונדע דילען פון ברעטער. אויסער דעם טהייל איז דאָ נאָך אַ טהייל אַ נידריגע, וואָס איז אזוי וויא אן אייז־קעלער. דאָס איז אַ פינסטערער, אונ־געהייער שמוציגער, קליינער געוועלב, וואוהין זעלטען ווער עס געהט. פון דעם ערשטען טהייל אין דעם לעצטען געהט מען אראָב אויף אַ טרעפּעל, וואָס איז שוין האלב צופוילט. אוועקצושטעלען דיא פּאס אויבען איז געווען אַ געפאהר, ווארום דיא ווייבער פון דיא אויפזעהער דערזעהענדיג אז מען האָט אריינגעפיהרט אין קעלער אַ פּאס מיט פרישע קרויט, קען זיך פארגלוסטען אריין אין קעלער מיט דער בעסטער אבזיכט, הנאה צו האָבען פון פרישע זויער־קרויט און זיא קען אנשטאט דיא זויער־קרויט דערזעהען וויא איך קריך פון דאָרט ארוים, אָדער אפילו אין בעסטען אופן דערזעהען, אז דיא נור וואָס געבראכטע פּאס איז גאָר פּוסט, ווייל איך בין שוין ארוים פון איהר. אלזאָ ניט וועלענדיג שטעלען אין פערלעגענהייט דיא פרויען פון דיא אויפזעהער, איז בעשלאָסען געוואָרען, אז מען זאָל זיא אריינטראָגען אין אונטערשטען טהייל פון קעלער אונטער דעם אויסרייד, אז דיא אויבערשטע פרישע קרויט זאָל דאָ ניט פערפראָרען ווערען. מען האָט דיא פּאס וויא עס איז אויף שטריק אראָבגעלאָזען אונטען. דאָרט איז בעקוועמער

ארויסצוקלייבען זיך פון פאַס אין אַ פּאַסענדען מאָמענט און וויי־
ניגער געפאהר, אז אימיצער וועט אריינקומען גלייך וויא איך וועל
ארויס און וועט מיך באלד דערזעהען, בעזאָנדערס איז דיא גע־
פאהר געווען נאָך גרויס איבער דעם פרישען שניי, וואָס איז דעם
פריהמאָרגען אויסגעפאלען.

עס האָט זיך אָנגעהויבען דיא טעכנישע שווערע אָפּעראַציע
פון אראָבלאָזען אַ געלאָדענע פאַס אין אונטערשטען קעלער. אַ
געשריי, אַ געפּילדער און טומעל. דיא לאָך פון קעלער איז זעהר
אַ קליינע. אין אראָבלאָזען דיא פאַס ראָבען זיך בעטהייליגט אַ
מאָן זיעבען פון אונזערע חברים, אויב עס האָבען אין דיא קרי־
טישע מאָמענטען ניט אויסגעהאָלפען זיי דיא קאָנוואינע סאָלדאָ־
טען. דיא פאַס האָט זיך עטליכע מאָל אזוי אַ דרעה געטאָהן, אז
איך בין כמעט אויסגעקומען מיט'ן קאָפּ אראָב. אין איין מאָמענט
ווען עס האָט זיך געהערט דער פערצווייפעלטער געשריי: האלט
דאָרט שטאַרקער! האלט אָן דיא רעכטע זייט! וואָס טהוט איהר,
זיא וועט דאָך אראָבפאלען!... „נו — האָב איך זיך געטראַכט
—אדיע ליעבער פריינד, אָט דאָ איז דיין סוף, דוא פליהסט גלייך
מיט'ן קאָפּ אראָב און קאַפּוט."

און ווירקליך דיא שטריק אָדער דיא פאַס אליין האָט געגעבען
אַ קרעכץ און אַ לאָז געטהאָן זיך וויא מיט איין שפּרונג אראָב.
נור דאָרט אונטען איז, וואהרשיינליך מיט גרויס אָנשטריינגונג
פון אימיצען פון אונזערע (דאָרט אונטען איז געווען אָנגעגרייט
איינער פון אונזערע געזונדע יונגען) אַ קעהר געטהאָן געוואָרען
בעצייטענס די פאַס אין דער אנדער זייט. דיא פאַס האָט זיך אַ
זעץ געטהאָן מיט אַ טרעשץ, אָבער זיא האָט ניט צוקלאַפּט, ניט
זיך און ניט מיך, און איז געבליעבען שטעהען אונטען.

מען האָט זיא דערנאָך איבערגעקייקעלט ווייטער פון דעם
אריינגאנג און, זעלבסטפערשטענדליך, אז איך האָב זיך מיטגע־
קייקעלט, אזוי אַז סוף כל סוף האָט מיין קערפּער געמוזט פאַר־
שטעלען זעהר ניט קיין רעגולערע פיגור פאַר אַ געאָמעטריקער
און אזא לאַגע וואָס איז ניט בעקוועם צום בעשרייבען. אָבער
דער עיקר איז, וואָס דאָס איינציגע פערבינדונג מיט דעם לעבעס־

קוואל, דיא טרייבעל צום אטהעמען איז גאנץ געבליעבען. הייסט דאס, אז אלעס קען נאך זיין גוט.

אונטערן פאס האט מען אונטערגעלייגט שייטער האלץ, אזוי וויא עס איז געוועזן פון פריהער אבגעמאכט, אז עס זאל ניט פארשטיקט ווערען און עס זאל זיין דורך וואנען לופט זאל צוקומען.

— נו, קינדער, געגאנגען אהיים! און ביסלעכווייז ווערט שטילער און שטילער. איך ווארט אויף דעם אבגעמאכטען סיגנאל: דריי מאהל א קלאפ אין פאס, — דאס הייסט, אז אלעס איז כשורה. א גליקליכע נסיעה!

אט איז דאס: איינס, צוויי, דריי! פון אויבען הערען זיך דיא שטימען פון דיא קאנוואינע: „נו, וואס דויערט דאס דארט?“ — „באלד! מען דארף נור מיט א טיכעל די פאס אויבען פאר־בינדען.“

איך הער וויא אימיצענס א האנד אויבען ערגעץ שארט פאנאנדער דיא קרויט און גיט מיר א דריק דעם קאפ. דער לעצטער דרוק פון א נאהענטען חבר, וועלכער האט אנגעפיהרט דיא גאנצע ארבייט.

ענטפערן דערויף קען איך ערשט איצט, און וויא וואלט איך וועלען, אז דיעזע שורות זאלען צוקומען צו דיר, מיין חבר.

מיט א גערויש פערקלאפט זיך דיא דעק פון ארייגאנג פון אינטערשטען קעלער, און דערנאך דיא דרויסען־טהיר פון אויבערשטען טהייל קעלער. עס הערט זיך דער קלאנג פון פעררינגלען און וויא מען ציהט דעם שלאס, צו פרובירען א פנים אויב גוט פערשלאסען — דאס איז אויך געוועזן אן אבגערעדטער צייכען.

דארף מען ארויסקריכען. א מענש איז געוועזן אנגעגרייט. אזוי וויא עס האט דאך געקענט פאסירען, אז אין דער צייט פון דער נסיעה אין פאס זאל זיך מיט מיר טרעפען אן אונמאכט אדער עס קען טרעפען נאך עפעס אונאנגענעהמערעס פון דעם איבער פער־שטיקטען אטהעם, האט זיך דארום אין דעם טונעל, ד. ה. צווישען

דיא ברעטער פון אויבערשטען טהייל קעלער און דער דורכגעגראָ־
בענער ערד, אריינגעקליעבען איינער, וועלכער האָט מיטגעהאָלפען
אין דער אונטערנעהמונג. דיעזער האָט גערארפט ווארטען אויף
דעם צייכען, ווען מען וועט קלאפען מיט'ן שלאָס כלומרשט צו
פּרובירען, דאַן דארף ער אויפהויבען דיא דורכגעזעגטע ברעטער,
דארף דורכקריכען צום אויבערשטען קעלער, פון אויבערשטען
אריין אין אונטערשטען, דארף אראָבנעהמען דיא קרויט, פאַנאַדער־
שניידען דיא לעדער, געבען מיר הילף און וויא עס איז ארויס־
שלעפּען מיך פון דאָרט. ביי מיר אָבער איז אויך אין דערזעלבער
צייט געווען מיט זיך א מעסער, מיט וועלכען איך האָב גערארפט,
אויב איך וועל קענען, דורכשניידען דיא פעל און געבאָרען ווערען
זעלבסטשטענדיג אָהן דער הילף פון דעם אַקושער.

דיא געדאַנקען זיינען געווען קלאָהר. נור איך ווייס ניט אי־
בער וועלכער אורזאכע, צו מחמת דער אונבעקוועמער לאַגע, אין
וועלכער איך בין געלעגען, צו דיא שווערקייט פון דיא קרויט, וועל־
כע האָט געדריקט דעם קאָפּ פון אויבען, אָדער איבער ניט רעגו־
לערען אַטהמען, נור דיא הענד האָבען ניט געקענט טאָהן קיין זאך.
ווארטענדיג איניגע מינוט אויף דעם „אקושער" און זעהענדיג אַז
ער קומט ניט, האָב איך מיט גרויס אנשטריינגונג אויסגעקעהרט
דיא האנד מיט'ן מעסער און אריינגעשטאָכען איהם אין דיא פעל;
איך וויל שניידען אין דער ברייט, אָבער עס קומט גאָר נישט
ארויס. דיא האנד איז ניט אים שטאַנד צו מאַכען אַ שטאַרקע
בעוועגונג נאָך'ן דיאַמעטער. איך פּרוביר שניידען אין פערשיעדע־
נע ריכטונגען, פון אויבען הויבט זיך אַלץ שטאַרקער אָן צו גיסען
איבער מיר ראָססעל און פּלוצלונג האָט זיך מסתמא דורכגעמאַכט
אַ גרויסער שניט, עס האָט זיך אַ לאָז געטאָהן ארונטער אַ גאַנצע
מאַססע קרויט און האָט ארויסגעריסען דיא טרייבלעך פון מויל.

איך פיהל אַז עס הויבט זיך אָן מישען אין קאָפּ און אַז עס
קען זיך ענדיגען דיא געשיכטע ניט גאָר צום בעסטען. איך וויל
אראָבנעהמען פון קאָפּ דעם אייזערנעם טעלער, וועלכער שטערט
מיר דורכרוקען דעם קאָפּ דורך דער דורכגעשניטענער פעל, איך
קען אָבער מיט'ן האַנד ניט אויסקעהרען זיך. איך מאַך אַ שטאַרקע
אנשטריינגונג מיט'ן קאָפּ דורכצורייסען דיא צוגעשלאָגענע פעל

— עס ווייזט זיך ענדליך, אַז אין געוויסע פעלע קען מען מיט'ן קאָפּ דיא וואַנד דורכברעכען. עטליכע גוטע אָנשפּארונגען מיט'ן קאָפּ, דיא פעל רייסט זיך ארוים מיט אַ רויש צוזאַמען מיט דיא צוועקלעך. קענטיג אַז אין איילעניס האָבען דיא קאַמעראַדען שוואַך צוגעשלאָגען דיא נעגעל. דיא קרויט פאַלט ארונטער און מיין קאָפּ הויבט זיך ארוים ארויף.

איך געדיינק ניט וויא מיר איז אָנגעקומען מיין ערשטע געבורט, נור ביי מיין צווייטער געבורט האָב איך היבש אַן ארבייט געטהאָן! אָבער ניט גלייך צו אַנדערע נור־וואָס געבוירענע, מאַך איך קיין לאַרעם און געשריי ניט ערשיינענדיג אויף דער וועלט, פארקעהרט איך בעמיה זיך צו האַלטען וואָס בעשיידענער, מען זאָל פון מיר קיין קול ניט דערהערען. מיט דורשט שלינג איך אין זיך דיא פייכטע, קאַלטע לופט, וועלכע האָט מיר אויסגעוויעזען אַלס זעהר ערפרישענד; איך זעה ארויסצוקריגען דיא אָנגעגרייטע ווין מיט עטהער. אויסגעטרונקען און איך קוק זיך ארום מיט דער נייגיערינקייט פון אַ ניי־געבאָרענעם — פינסטער, חושך. איך הער טריט. מען הויבט דיא דעק פון אונטערשטען קעלער. עס לאָזען זיך אראָב אימיצענס פיס. איך האָב שוין געוואָלט אריינרוקען זיך צוריק אין פאַס, האָב אָבער זיך מיישב געווען, אַז עס לוינט ניט: ממה נפשך, איז דאס אַן אויפזעהער, וועט ער דאָך סאַיוויא־סאַי צוגעהען צו דער פאַס, אומזיסט דאָס בעהאַלטען זיך. אויב ניט איז דאָך אודאי רעכט.

דיא פיס לאָזען זיך לאַנגזאַם ארונטער און ניט קוקענדיג דערויף וואָס פון דער עפענונג אויבען לייכט זיך אַביסעל דורך, איז דאָך שווער געווען צו דערקענען וועמעס פיס דאָס זיינען, דעם פריינדס אָדער דעם פיינדס.

ענדליך שעפּצעט ער: דאָס בין איך!

דאָס איז דיא שטימע פון פריינד. דאָס איז דער אקושער, וועמען דער נייגעבאָרענער בעגעגענט מיט אַ מעסער אין איין האַנד און מיט אַ פלאַש ווין אין דער אַנדערער. — וואָס פאַר אַ פאָרטשריט פון דער מענשהייט!

— אלעס כשורה, מיין פריינד?

— אלעס! — ענטפערט ער — קומט גלייך נאָך מיר.
מיר האָבען ארויסגענומען פון פאס מיינע אָנגעגרייטע קליי־דער, דיא היטעל; אלעס איז דורכגעווייקט פון קרויט־ראָססעל. דיא פאס פערבונדען מיט א טוך, אז אויב אימיצער וועט אריינ־קומען זאָל ער זיך ניט גלייך כאפען וואָס דאָ איז געשעהען. שטיל ארום. עטליכע שפרונג און איך בין אויבען. דער אקושער פערמאכט דיא דעק פון קעלער. מיר געהען צום פלאץ, וואו ברעטער פון דיא דילען זיינען דורכגעזעגט. איך פאַראויס און ער נאָך מיר אום צו־צומאכען צוריק דיא ברעטער אזוי וויא עס וואָלט קיין זאך ניט פאסירט.

— פארנעהמט זיך לינקס!

איך זעה א זעהר ענגע לאָך לייכט זיך דורך צווישען דיא די־לען פון קעלער אין דער ערד. פון וייטען זעהט זיך דער צונומענער פונדאמענט. עס שוידערט אביסעל. וויא שפארט מען זיך דורך אזא ענגשאפט ביז דעם ארויסגאנג. איך קריך. נור דאָ האָב איך געמאכט א גרויסען פעהלער. איך האָב געדארפט קריכען מיט'ן רוקען אראָב און מיט'ן ברוסט ארויף־צו, און איך בין געקראָכען אויפ'ן בויך. דיא שטרעקע איז א טריט צוואנציג אונגעפעהר. אין מיטען דעריין — סטאפ! ניט אהין ניט צוריק. אריינקריכען בין איך שוין וויא עס איז אריינגעקראָכען, אָבער ווייטער ניט פון פלאץ. איך האָב זיך גערדרעהט, גערדרעהט און קוים מיט מאטער־נעס ארויסגעקאראבקעט זיך, דערקראָכען. נאָך אייניגע טריט צום ארויסגאנג. מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט. דאָס איז געוועזען אין דער פריה*). איך גיב א קוק אויפ'ן זייגער, עס איז נייען. דאָס הייסט, אז אין גאנצען איז אריבער א האלבע שטונדע, זינד עס האָט זיך אָנגעהויבען דיא נסיעה פון טורמע.

---

*) ארויס האָט מען געמוזט אין דער פריה, ווארום אין אבענד טראָגט מען דאך קיין פאס ניט פון טורמע, אָבער איצט, וויא מאכט מען דאָ ביז פארנאכט אין דעם גראָבען? דאס איז אונמעגליך: מען קען זיך דאָך יעדע מינוט כאפען.

איך זעה דער פונדאַמענט איז צונומען. עס זעהט זיך דער ווינקעל פון הויף וואו עס וואָהנט די גאַנצע נאַטשאַלסטווא. עס הערען זיך שטימען. די וואָס געהען פערביי דרויסען דעם צונומענעם פּלאַץ פון פונדאַמענט, קענען אונז גאַנץ גוט דערזעהען. פון דאַנען דאַרפען מיר גוט אויפמערקזאם זיין אויף אָבגערעדטע סיגנאַלען. ערשטע סיגנאַלען: דער וועג איז פערנומען — מען דאַרף נאָך ליעגען. ווידער אַ סיגנאַל: ליגען! איך הייב זיך אָן וויא עס איז קעהרען און פעררייכטען מיינע בגדים. ביי מיר איז געוועזן אַנגעגרייט אפילו אַ שפּיגעלע, אָבער קריכענדיג דאָ אין דער ענגקייט איז זיא צובראָכען געוואָרען. דאַמען ווייסען, אַז אָהן אַ שפּיעגעלע קען מען דעם טואַלעט ניט מאַכען וויא עס געהער צו זיין. צום גליק זיינען געוועזן גענוג אָנגעגרייט טאַשען־טיכלעך: איך האָב ארומגעווישט די צובלוטיגטע הענד און גע־זיכט, וועלכע זיינען צוקראַצט געוואָרען פון די נעגעל אין פּאַס. מיר הערען טריט. מיר זעהען לעדערנע שטיוועל. אַן אויפזעהער געהט דאָס פערביי אונז. ווען ער וואָלט איין קוק טאָהן אונטען צו זיינע פיס, וואָלט ער בעקומען אַ גוטע בעלאָהנונג פאַר אַן ענטדעקונג. ער איז אריבער. אַ סיגנאַל ווידער: ליגען!

די צייט ציהט זיך שרעקליכערהייט. ארום מערקט זיך קיין זאך ניט; עס שיינט, אַז מען קען דאָך ארויסגעהען, פאַר וואָס־זשע איז אַלץ אַ סיגנאַל: ליגען!

— די סיגנאַלען זיינען זיכערע. ליעגט רוהיג! — שעפּצעט מיר מיין אקושער.

אין עטליכע מינוט ארום ווידער טריט, אָבער שוין פון דער אַנדער זייט. עס געהען פערביי צוויי קאַנוואינע סאָלדאַטען. די אויגען ארויף — דאַנקען גאָט אריבער!

און דער סיגנאַל איז אַלץ: ליגט!

מיר ליגען און טראַכטען וועגען דעם הבל־הבלים פון מענשען. פּלוצלונג קינדערישע שטימען: כאַפּ איהם! כאַפּ איהם! אין עטליכע סעקונדען ארום לויפט צו גלייך צו דער עפנונג, וואו מיר ליגען, אַ הינטעל. דאָס האָבען די קינדער פון דעם אויפזעהער

געשפּיעלט זיך מיט אַ הינטעל און געיאָגט זיך נאָך איהם. זעהר אַ שלעכטע שפּיעל! דער הינטעל איז צוגעשפּרונגען צו דער עפנונג און איז מיט פּערוואונדערונג געבליעבען שטעהען און קוקען אויף אונז. פון ווייטען הערען זיך אַלץ נעהנטער דיא קינדערשע קולות. דאָ וועט ענטוועדער דער הינטעל אַנהייבען בילען אָדער די קינדער וועלען צולויפען. אַ מיאוס׳ע געשיכטע. מיר האָבען אויסגעשטעלט דיא אויגען אויף׳ן הינטעל, צו איבערראַשען איהם מיט אונזער בליק. איך האָב אַמאָל געהערט פון יעגער, אַז מען קען מיט אַזאַ קוק אָבשטעלען אַ חיה. ערשט, וויא אונערוואַרטעט! דער הינטעל האָט געקוקט, געקוקט, האָט אַ ציה געטאָהן מיט׳ן נאָז, וויא איי־נער זאָגט: דאָס איז אייער זאַך, קינדער, מיט מיר געהער זיך דאָס נישט אָן, — האָט זיך רוהיג אַ קעהר געטהאָן צוריק און אַוועק צו דיא קינדער. דער קלינגענדער געלעכטער און דיא שטימעלעך פון קינדער, וויא אנגענעהם דאָס זאָל ניט זיין, נור איצט זיינען מיר געוועזען זעהר גערן וואָס זיי זיינען אַוועק ווייטער און מיר האָבען זיי ניט געהערט מעהר.

ווידער איז שטיל. עס זיינען אריבער אייניגע מינוטען. אַלץ דערזעלבער סיגנאַל: ליגט! ליגען מיר. ווידער הערען זיך טריט. אין אַ ווייילע ארום דערזעהען מיר עמערס. זיי זיינען ארי־בער כשורה. דאָס איז מען געגאַנגען נאָך וואַסער, דאַרף מען וואַר־טען ביז דער וואַסער־טרעגער וועט געהען צוריק. איך גיב אַ טראַכט און א קעלט איז אריבער פון איין געדאַנק: צוריק וועט ער דאָך טראָגען שוין אָנגעפּיעלטע עמערס מיט וואַסער; דער קאָפּ וועט ביי איהם מוזען זיין איינגעבויגען פון דער משא און ער וועט ניט וועלענדיג מוזען קוקען אראָב און וועט דערזעהען דעם צונומענעם פונדאַמענט. דיא מיאוס׳טע זאַך איז צו געפינען זיך אין אַ אויסוואַרטענדער לאַגע און ווען מען זעהט פאַר זיך קיין טרויסט פאַראויס. טויזענדער־ערליי געדאַנקען לויפען צוריק אין קאָפּ און איבער זיי אַלע הערשט איין געדאַנק: און וויא האָט דען געקענט אַנדערש זיין? עס איז דאָך אַ משוגעת צו ערוואַרטען, אַז אַלעס זאָל זיך גראַד טרעפען אַזוי וויא מען וויל, דיא פערשיעדענע צופעלע זאָלען זיך צופּאַסען אונגלויבליך גוט פאַר אונז, און אַז עס וועט געלינגען אין מיטען העלען טאָג ארויסקריכען פון דאַנען.

און ווען מיר וועלען שוין ארויסקריכען, וועט אונז דען דאן אי־
מיצער ניט דערזעהען, פון איין זייט אדער פון דער אנדער זייט?

אבער וויא לאנגזאם דיא צייט האט זיך ניט געצויגען, דיא
מינוטען געהען דאך אבער פערביי; מיר הערען וויא דער וואסער־
טרעגער קומט אן פון דער רעכטער זייט. עס זעהען זיך שוין זיינע
עמערס. אט דערזעהט ער אונז! ער קומט אונטער צו דער סאמע
עפענונג, וואו מיר ליעגען. מיר זעהען: דיא עמערס לאזען זיך
אראב. נאך א סעקונדע — ער שטעלט דיא עמערס אויף דער ערד.
דאס הארץ האט זיך א טרייסעל געטאהן. ענטוועדער ער האט אונז
שוין דערזעהען אדער ער האט זיך דא א גליטש געטאהן אויף דעם
פרישען שניי לעבען קעלער און ער וויל פאררירטען זיין קארא־
מיסעל (נאשצע) און אויפצוהויבען דיא עמערס וועט ער זיך דאך
ווייטער מוזען אנבויגען... נור קענטיג אז דיעזען מאהל האבען
שוין דיא געטער אליין געוואלט בעשיצען אונז, ער האט זיך טאקע
אנגעבויגען, און זאגאר גאנץ נידריג, אבער מיט'ן רוקען צו אונז.
דאס איז אפילו געוועזן ניט גאר העפליך, נור אונז האט זיך דאס
אויסגעוויעזען אלס דיא רייצענדסטע, צויבערהאפטעסטע פאזע
פון זיין זייט. אויפ'ן הארצען איז געווארען פרעהליכער. אבער דער
סיגנאל איז אלץ דערזעלביגער אונערבארעמליכער: ליגען!

איך גיב א קוק אויפ'ן זייגער. איז דאס גאר אין גאנצען א
מינוט 20—25 וויא מיר ליעגען? און מיר האט זיך אויסגעוויע־
זען, אז עס איז אריעבערגעגאנגען א גאנצע אויביגקייט!

פלוצלונג — עס גלויבט זיך פשוט דיא אויגען ניט: א סיג־
נאל; עס הויבט זיך אן צו בייטען. זאל דאס מעגליך זיין? צו
מישט זיך דאס ניט אונז אין דיא אויגען? ניין, עס איז טאקע א
נייער סיגנאל: „אלעס וויא עס דארף צו זיין, ארויסגעהען!“

אזוי וויא באמבעס זיינען מיר ארויסגעשפרונגען פון לאך
פון פונדאמענט און מיט לאנגזאמע טריט, אויף א גאנץ אונשול־
געון אופן זיינען מיר אוועק צו דיא צוויי וועגען, צו דעם פלאטץ
וואו מיר האבען פון פריהער אבגעמאכט. דער אקושער האט גע־

דארפט אין א געוויסען פונקט בעקומען געלד, א פאספארט און געוועהר פון מיינעטוועגען*)

דער געפיהל מיט וועלכען איך בין געגאנגען איז געווען דער־זעלביגער מיט וועלכען מען געהט, ווען מען שיסט פוןביידע זייטען. איך גיב זיך דיא מיה צו געהן גלייך, ניט ווייזען קיין אויפרעגונג, אבער עס ווילט זיך דאך ארומקוקען, עס ווילט זיך אים לעבען זעהען דיא פאזיציאן, אויסגעפינען וואס טהוט זיך אהינטער דיר. אבער אומקוקען זיך איז א סכנה. א גליקליכער געדאנק: איך מאך שניי־קולקעס און שפיעל זיך מיט זיי, בעוועגענדיג זיך אלץ פאר־ווערטס. איינבויגענדיג זיך צו מאכען שניי־קוילען איז שוין גע־ווען ניט שווער צו כאפען א קוק וואס אהינטער אונז טהוט זיך. איך גיב א קוק און איך בין שיער ניט פערוואנדעלט געווארען אין א קויל פון זאלץ, וויא עס האט פאסירט מיט לוט'ס ווייב.

פרישער שניי. א לויטער־קלאהרער פריה־מארגען. אן אפענער, נאקעטער געגענד פון אלע זייטען. פון דער רעכטער זייט זיינען דיא הייזלעך פון דער פרייע קאמאנדא, וואו עס שלעפען זיך שטענדיג ארום סאלדאטען און אויפזעהער; פון הינטען, אויפ'ן בערגעל — דאס קאזיאנע הויז, וואס קוקט אויף אונז מיט זיינע צוואנציג פענסטער־אויגען, פון צווייטען עטאזש: דארט וואהנען דער הילפס־נאטשאלניק און דיא אויפזעהער.

א מינוט צעהן קומט אוים צו געהען גאנץ אפען פאר זיי. אונבעמערקבאר וויש איך ארום מיט שניי דעם פנים, וועלכער איז עפעס פערבלוטיגט. מיט אונגעהייערען דורשט שלינג איך דעם קאלטען ריינעם שניי און אטהעם איין דיא פרישע לופט.

אט איז זיא דיא פרייהייט, וויא גוט זיא איז! נור פאראוים שטעהט נאך פאר אזוי פיעל דורכצומאכען, אז עס איז נאך זעהר וויים פון קענען זיך פיהלען פריי. מיט דעם „אקושער“, וועלכער

---

*) ביז'ן ארויסגאנג פון דעם טונעל האבען מיר דאס ניט געוואלט מיטנעהמען, ווייל טאמער פאלען מיר דורך, זאל דאס געלד ניט פערלארען געהן.

האָט אין אַלגעמיין אויסגעפיהרט זיין שווערע אויפגאַבע מערק־ווירדיג פּינקטליך און קאָרעקט, האָב איך זיך בעגעגענט פּינקטליך צו דער זעקונדע; מיר האָבען בעטראַכט דאָס געוועהר, האָבען בע־האַלטען דאָס געלד, האָבען זיך אַביסעל צורעכט געמאַכט און — מאַרשירט ווייטער.

אונז איז אויסגעקומען דורכצוגעהען צופוס איינינע וויאָרסט, פאַרנעהמען זיך איבער דיא בערג און אין אַ בעשטימטען פּלאַץ געפינען אָנגעגרייטע פערד, וועלכע האָבען אויף אונז שוין גע־דאַרפט וואַרטען פון אין־דער־פריה אָן. דיא פיס זיינען געוועזן איינ־געוויקעלט אין וואַטע און וואַרעם אָנגעצויגען, אַזוי אַז געהענדיג שנעל האָבען זיך דיא פיס ניט געלאָזט בעזאָנדערס פיהלען. דער־פאַר אָבער האָט דאָס האַרץ געלאָזען זיך שטאַרק פיהלען. פון ליגען אין פאַס, פון אונגעוועהנליכען קלעטערען אויף דיא הויכע בערג איבער דעם גליטשיגען שניי האָט זיך אָנגעהויבען אַ זעהר שטאַרקע האַרץ־קלאַפּעניש. פּשוט דער אטהעם פערכאַפּט, דער־שטיקט צו ווערען. אָבער וואַרטען טאָר מען ניט, וואָרום ביז וואַנען מיר וועלען זיך אַריבערקלייבען איבער דיא בערג, זיינען מיר אַלץ אָפען פאַר אַלעמענס אויגען, און אויב מען וואָלט זיך אין דיעזער צייט אין טורמע כאַפּען וואָס עס איז געשעהען, וואָלט מען אונז נאָך גאַנץ לייכט געקענט געפינען.

איצט איז אַ נייע צרה; צו וועלען מיר טרעפען דיא פוהר אויף דעם אָבגערעדטען פּלאַץ! דאָס איז שוין דאָס פינפטע מאָל אין צייט פון צוויי חדשים, וויא אַ פוהר וואַרט אויף אונז, און אַלע פיער מאָל זיינען מיר נישט געקומען.

דער פוהרמאַן האָט שוין אָנגעוואָרען יעדע האָפנונג, אַז פון אונזער פּלאַן זאָל זיך ווען עס איז עפּעס אויסלאָזען, וועט גאָר קיין וואונדער ניט זיין, אויב ער וועט איצט זיין דערצו קאַלט־בלוטיג און ניט קומען צו דער רעכטער צייט.

דעם ערשטען באַרג זיינען מיר אַריבער כשורה. דיא טורמע מיט אַלע איהרע אַרומיגע שטיבלאַך זעהען זיך שוין נישט, אָבער דער פערדעטערשער שנעע צייכענט אָן צו דייטליכע סמנים וועגען אונזער אַנטרינען.

ווען מיר זיינען שוין געווען ביי א צוויי וויאָרסט פאר'ן פלאץ, וואו מיר האָבען אָבגעמאכט זיך צו טרעפען, האָבען מיר געגעבען א סיגנאל, אז דאָס געהען מיר, און זיי דארפען אונז ארויסגעהן אנטקעגען און אָבפיהרען צו דער פוהר.

עס געהט דורך א שטיק צייט, מען הערט קיין שום ענטפער, מען זעהט קיינעם ניט. נו, אזוי איז דאָס שוין: וואו עס איז דין, דאָרטען רייסט זיך, וויא עס שיינט איז דיא פוהר ניט געקומען!

פלוצלונג, האָט אין דער ווייט צווישען דיא קוסטען עפּעס אָנגעהויבען בלאנקען, און באלד האָט מען דערזעהען געהן א מענשען. דיא פוהר איז דאָ!

מיר האָבען זיך געשווינד געלאָזט געהן צו זיי. נור ניט אראָבלאָזענדיג קיין אויג פון'ם מענשען וועלכען מיר האָבען בעמערקט, ווייל ער מוז דאָס זיין דער, וועלכער פיהרט אונז צו דער פוהר. ווען מיר זיינען צוגעקומען און געזאָגט איינער דעם צווייטען דיא פּאראָלע, האָבען מיר זיך איבערצייגט, אז יא, דאָס איז ער!

איך האָב זיך קוים, קוים אָבגעהאלטען ניט צו פאלען איהם אויפ'ן האלז פאר גרויס שמחה. אָט וויא א גאנצער בארג איז אונז אראָבגעפאלען פון דיא פלייצעס, אזוי לייכט און מונטער האָבען מיר זיך דערפיהלט. אצינד הייסט דאָס, איז אונזער ארבייט כמעט וויא פערטיג.

פלינק האָב איך זיך איינגעוואשען אין דערבייאיגען טייכעל, א טרונק געטהאָן א ביסעל דיא קאלטע וואסער, בעגריסט דיא חברים, וועלכע בלייבען איבער, זיך געזעגענט מיט'ן „אקושער“ זיך איבערגעטהאָן אין פאסיגע קליידער — אריין אין פוהר, און נישטאָ מיך! דיא ערשטע פינף און צוואנציג וויאָרסט, זיינען נאָך זעהר געפעהרליך: מען קען באגעגענען פיעל דאָרטיגע איינוואהנער. מיר האָבען אראבגעקעהרט פון דעם אלגעמיינעם וועג און זיינען געפאָהרען מיט זייטיגע הינטער־געסלאך.

דער פוהרמאן, איז אָבער א סיביריאק און האָט, וויא מען זאָגט, א גוטען חוש הריח און טאקע מיט דיא אויגען פון א סיביריאק, האָט ער דורכגעדרונגען יעדען פארבייגעהער און געוואָרפען שארפע בליקען ארום און ארום.

מיט א מאָל, גאָר אונערוואַרטעט, מיר האָבען געהאַט אָבגע־
פאָהרען ביי 8—10 וויאָרסט, מיין פוהרמאַן קריצט מיט די ציין :
— „א נכפה זאָל דאָס טרעפען ! באַיאַנאָוו *) מיט זיין זוהן פאָה־
רען ! לייג זיך דערווייל צו און דעק זיך איין מיט דיין טולופ !"

עס לאָזט זיך אויס אַז נישט ווייט פון דעם אָרט, ליגען דיא
היי־פעלדער וואָס בעלאַנגען צום געפענגניס, און אַזוי וויא ערשט
ניט לאַנג האָט מען זיי אונטערגעצונדען, האָט איינער פון דיא
אויפזעהער ביי נאַכט אָנגעלאָדען א פאָר וועגען היי און אצינד
פאָהרט ער צוריק קיין אקאַטוי און פאָהרט אונז פונקט אַנטקעגען.

איך האָב זיך אַזוי וויא א פלאַכע אַוועקגעלייגט אין פוהר,
דער פוהרמאַן קערט אראָב פון וועג, און מיר פאָהרען ווידער מיט
אַן אנדער זייט, וועלכע וועט פערגרעסערען אונזער וועג אודאי
אויף 20 וויאָרסט.

דיא געפעהרליכע 30 וויאָרסט זיינען מיר דערווייליע גליקליך
אריבער און מיין פוהרמאַן הויבט אָן ווערען א ביסעלע רוהיגער,
פרייליכער.

— זאָג מיר נור, גוטער ברודער, אָט דאָס ביסטו טאַקע דער
זעלבער ? פרעגט ער מיך.

— יא, דאָס בין איך.

— שווער איז דיר צוגעגאַנגען, גוטער ברודער, אַלץ איז גע־
ווען נישט געלונגען און נישט געלונגען.

— דערפאַר דאַרפען מיר זעהען איצט אַז מיר זאָלען נישט
בלייבען מיט א נאָז.

— נו, מען מוז זעהען אַז אונזער ארבייט זאָל געהן וויא מען
בעדאַרף גאָר אָהן א תירוץ ! איז מעגליך אַז מען זאָל אונז באַלד
נאָכיאָגען ?

---

*) איינער פון דיא געפענגניס נאַדזיראַטעלעס.

— איך ווייס נישט, גוטער ברודער; עס קען זיין אז מען זאָל זיך גיך כאַפּען, און עס קען זיין, אז ביז פּאַרנאַכט זאָל מען נאָך אויך גאָר נישט וויסען.

— און ווען זיי וועלען זיך כאַפּען, דאַן וועלען זיי זוכען, דיא נכפה זאָל זיי נעהמען!

— יא, שטאַרק, גוטער ברודער. און וויא וועט זיין אויב זיי וועלען ארויסשיקען ציווילנע, נישט קיין פּאָליציייסקע און זשאַנ־דאַרמען אונז נאָכיאָגען, וועלען צוזאָגען דערפאר גוט בעלוינען און יענע וועלען זיך שטאַרק פלייסען?

— עה! וואו איז דאָס געהערט געוואָרען! איצט איז שוין אַן אַנדער צייט! דאָס פּאָלק פערשטעהט שוין אויך אַ ביסעל. זיי ווייסען שוין איצט ווער עס אַנטלויפט און נאָך וואָס ער אַנט־לויפט. ביי אונז איז אפילו ניט ראַסייע, פון דעסטוועגען הויבט מען שוין אויך אָן צו פערשטעהן.

— נו, און ווער עס וועט זיך פאר געלט פערקויפען, מיט יענעם איז גאָר קורצע דבורים, זיי גיבען איהם דערפאר 75 רובעל, וועלען מיר איהם געבען הונדערט רובעל און אבי מען וועט איהם פער־שטאָפּען דאָס מויל, אַזוי איז ער אונזערער. ניין, מיין פריינד, פאַר דיא קאָזאַצקע געלד איז זיך גאָר ניטאָ וואָס צו שרעקען.

מיר זיינען אָבגעפאָהרען נאָך 50 וויאָרסט, קיינע שלעכטע בעגעגעניסען.

— נו, זאָג מיר, גוטער ברודער, מיט וואָס פאר אַ וועג וועלען מיר ווייטער פאָהרען? — פרעג איך.

— דאָס בעסטע דיינק איך איז, אָט אַזוי וויא מיר פאָהרען.

— נו, און וויא איז דאָ ביי נאַכט? טרעפט דאָ גאָר ניט אונטערוועגנס?

— גאָט בעהיט, גוטער ברודער, ווען עס טרעפען אונז אָן דיא חברה־לייט!

— וואס־זשע זיי בערויבען ?

— ווען מען זאל נישט מעהר וויא בערויבען ? זיי זיינען אבער פשוט גזלנים, מערדער, פאר גאר נישט און זיי הרג'ענען. נים לאנג האבען זיי צווייען דער'הרג'עט.

— ווירקליך ? !

— אט ערשט פאראכטאגען, איז געפאהרען איין קאזאק... זיי זיינען איהם בעפאלען און געוואלט ביי איהם דאס געלד אבנעהמען, האט ער פינף מיט איין מאל אוועקגעלייגט אויפ'ן ארט.

בשעת'ן דערצעהלען האט דער פנים אנגעהויבען לייכטען ביים סיביריאק. מיך האט דאס, אבער ווייניג געטרייסט,

— געוועהר האסטו ביי זיך גוטע ?

— יא, קיין בעסערע דארף מען דוכט זיך נישט, גוטער ברודער, נור וואס וועלען מיר אויפ'ן שטייגער אין צווייען קענען מאכען מיט א גאנצער שייקע.

— דערהויבט, האלט נור אימער דאס געוועהר אנגעגרייט ; און שלאפען גאט בעוואהר ! אפשר וועט אלעס דורכגעהן וויא גע־וואונשען.

ס'איז א'ן אן אנגענעהמע געשיכטע : אנטלויפען פון אקאטרי און אומקומען אויפ'ן גרויסען שליאך !

מיר האבען צוגעגרייט דאס געוועהר און פאהרען ווייטער. עס הויבט אן טונקעל ווערען.

— הא ? גוטער ברודער, אפשר וואלטען מיר אויסגעטרונקען צו גלעזלאך ווארעמס ?

— טהעע ? אט וואס פאר א מעשה ! ווייסטו ווען עס איז געקומען דער געשיקטער פון אקאטוי ? היינט בעגינען ! איך האב

— בין איך דאָ ניט אין סכנה ?

— אין קיין שום סכנה ניט. עס איז אָבער נויטהיג אָפען אנצוגעבען דעם נאָמען.

— וויא ? אנגעבען מיין אייגענע פאמיליע ?

— אונבעדינגט. אויב ניט קענען ארויסקומען אונאנגענעהמליכקייטען. *)

אלזאָ, אָט דאָס איז זיא, דיא פרייהייט!

פרייהייט פיר קאמפף — קאמפף פיר פרייהייט!

---

*) דערנאָך שוין אין טאָקיאָ אויפ'ן דאמפשיף און אָנקומענדיג האָב איך זיך דערוואוסט וויא וויכטיג דיעזע עצה איז געווען. ווען איך וואָלט אָנגעגעבען א פרעמדע פאמיליע וואָלט איך געליטען גרויסע אונאנגענעהמליכקייטען, וואָרים ביי זיי איז דאס דער גרעסטער פארברעכען. און אזוי האָט מען מיך בעגעגענט אומעטום מיט גרויס אויפמערקזאמקייט און פריינדליכקייט.

# אוים דעם בריעף פון א פאליטישער אין אקאטוי.

ג. גערשוני איז שוין געוועז אין אמעריקא, ווען עס איז אנ־געקומעז אהער א בריעף פון איינער פון דיא פאליטישע פערשיק־טע איז אקאטויער טורמע. אין דיזען בריעף שילדערט דיא שרייבערין וואס עס האט זיך געטאהן אין טורמע נאך זיין אנטלויפען. מיר גיבען דא איבער אן אויסצוג פון דעם בריעף אלס א בייטראג צו ג. גערשוני׳ס שילדערונג פון זיין ענטרינונג. אט וויא זיא בעשרייבט דאס :

„.... דעם 13 אקטאבער איז ביי אונז פארגעקומען א זעהר פרעהליכע פאסירונג. עס איז ענטרונען, אדער בעסער געזאגט, עס איז פאר ז י י (פאר דער רעגיערונג) געהיימניספול פערשוואונדען גריגארי אנדריעוויטש גערשוני. זייער שרעק איז אהן א גרענעץ. דער עיקר איז דעריין נאך דאס וואס דער נאטשאלניק איז געוועז אזוי זיכער, אז מעהר קיין פאבעגען (ענטרינונגען) קענען שוין ניט פארקומען, ערשטענס איבער דער פערגרעסערטער שטרייגקייט, צווייטענס, דערפאר ווייל פון דעם דארף אקאטוי האט מען אויס־געוויעזען אלע ניט פערשיקטע, וועלכע האבען זיך בענוצט פריהער מיט זייער פרייהייט. אויב עס איז קיינער ניטא אויסער דיא פער־שיקטע, הייסט דאס, אז עס זיינען ניטא קיין מענשען, מיט וועלכע מען זאל זיך קענען צונויפריידען און פלאנעווען א פאבעג (ענטרי־נונג). ערשט עס לאזט זיך גאר אויס, אז זייערע רעכענונגען זיינען אומזיסט.

זיי ווייסען עד־היום ניט וויא אזוי איז גערשוני פערשוואונ־
דען. דער קעלער געפינט זיך ניט אין טורמע און ער איז אזוי ווייט
פון טורמע וויא אונגעפעהר אויב דו גערדיינגסט פון מאניאס הויז
ביז דער אופראווא. אהינצו פלעגען דיא פערשיקטע אבלייגען
זאפאסען פראוויאנט אויף ווינטער. אין דיזען קעלער האבען זיי
געפונען א פאס, וועלכע מען האט ארויסגעפיהרט מיט א טאג
פריהער, איידער זיי האבען זיך געכאפט אז גערשוני איז ניטא.
אנשטאט דעם וואס דיא פאס זאל זיין א פולע ביז אויבען מיט
קרויט, איז זיא געווען אנגעפיעלט בלויז אויף א דריטעל, דערצו
האט מען אין דעם דעק פון פאס געפונען צוויי קליינע לעכער און
צוויי גומענע טרייבלעך מיט מעטאלענע ברעגען. דיזע רעהרליך,
דיינקען זיי, האבען געדיענט פאר איהם אויף צו אטהעמען וויא
לאנג ער איז געלעגען אונטער דיא קרויט. דאצו האבען זיי געפונען
נאך צייכענס, וועלכע זיינען פאר זיי בעווייזע, אז גערשוני איז
אויף אזא'ן אופן ענטרונען.

דוכט זיך שוין אלעס קלאהר, פונקט געטראפען וויא מיט'ן
פינגער אין הימעל. נור דא שטעלט זיך זיי אבער דיא פראגע, וויא
אזוי האט דאס געקענט גערשוני ארויס פון קעלער? דער נאדזיראטעל
האט אליין דעם קעלער פערריגעלט, האט איהם ארומגעקוקט,
ארומגעשמעקט און ער האט אלעס ארומגעזעהען. אלזא וויא איז
ער אנטלאפען? און זיי מיינען, אז די פאס, דיא טרייבלעך א. ז.
וו. איז מעהר ניט אויף צו פערבלענדען דיא אויגען, און אוועק
איז ער פיעלייכט אויף אן אנדער אופן.

מיט איין ווארט דיא געהיימניספולע פערשווינדונג פון א
מענשען, וועלכער איז פאר זיי אזוי שרעקליך איז ווערטה דיא
אויפמערזאמקייט פון א שערלאק האלמס. פאר אונז איז נאטירליך
ניט דאס וויכטיג, נור עס איז וויכטיג, דאס וואס ער איז אוועק
און אלע פארשונגען און זוכונגען האבען צו גאר נישט געפיהרט.

פערשוואונדען איז ער דעם 13טען (26) אקטאבער אין דער

פריה. און שפּאס האָבען מיר געהאַט זעהר פיעל, נור שרייבען ווענגען דעם איז נ י ט ב ע ק ו ע ם. איך וועל נור בעשרייבען דאָס, וואס זיי אליין, דיא נאַטשאַלסטווא, ווייסען שוין אויך; דעם גאַנצען טאָג האָט מען זיך ניט געכאַפּט, אין אבענד געהט אן א פּראַווערקע, אנשטאַט גריגאָרי אנדריעוויטש גערשוני האָט מען ארויפגעלייגט אויף זיין בעטעל א פיגור פון א קאָפּ פון האָלענדער קעז (דעם אמת געזאָגט איז דאס אויסגעארבייט געוואָרען גרויסאַרטיג) דער גאַנצער קאָפּ איז געווען אויסגעאַרבייט גאַר אזוי וויא גערשוני'ס קאָפּ.

דיא נאַדזיראַטעלעם עפענען דיא טהיר, ערשט זיי זעהען וויא איינער פון אונזערע חברים פיהרט א הייסע געשפּרעך מיט גריגאָרי אנדריעוויטש: „פאַרשטעהט איהר דען ניט, אז ווען...“ און אזוי ווייטער; קורץ א היטציגע רעבאטע געהט אן און מען גיט עפּעס שטאַרק צו פאַרשטעהען דעם קעזענעם קאָפּ. דער נאַדזיראַטעל קוקט איבער, אז אלע זיינען דאָ; רופט אויס און אלע זיינען דא, פערריגעלט ער די טהיר פון קאַמערע. מיר האָבען זיך זעהר דערפרעהט: די פּראַווערקא איז אריבער, הייסט עס אז גריגאָרי אנדרעיעוויטש וועט האָבען צייט ביז מען וועט זיך כאַפּען ניט נור א טאָג מיט א נאַכט, נור נאָך א טאָג מעהר. ווארום דיא שטרייגע פּראַווערקע פון ביינאַכט איז דורכגעגאַנגען געלונגען, וועט דאָך אין דער־פריה' ענדיגע געוויס לייכט דורכגעהן. ווארום וואס קען זיי אויפפאַלען, עס ליגט א מענש פאַרדעקט ביז'ן קאָפּ און שלאָפט נאָך.

אָבער אין א שטונדע ארום נאָך דער ערשטער פּראַווערקע דאַרף זיך פאַרוועלען איינעם פון דיא נאַדזיראַטעלעם, וועלכער האָט ליעב געהאַט צו פערברייננגען מיט גריגאָרי אנדרעיעוויטש, צו אריינקומען; ער קוקט זיך גוט איין, גיט א ריהר. וואו גערשוני? עס איז גאָר א פיגור פון קעז. א שרעק האָט איהם אנגעכאַפּט. עס איז אבער שוין נאַכט, עס איז געוואָרען א געלאָף, אבער וואס צו טאָהן האָבען זיי ניט געוואוסט. דאָס ערשטע האָבען זיי אויסגעזוכט דעם גאַנצען דאַרף, האָבען אויסגעפּאַרשט אלע ווינקלעך. אבער ניטא. און אזוי ווייסען זיי נאָך איצט ניט וויא ער איז פערשוואונדען. ,

טעלעגראפירען גלייך האבען זיי ניט געקענט, ווייל מען מוז שיקען צוליעב דעם א קוריער קיין אלעקסאנדראווסקי; דאצו האָבען זיי אלץ גערעכענט אט, אט וועלען זיי איהם געפינען. און מעלדען גלייך דעם גובערנאַטאָר האָבען זיי מורא געהאט: סטייטש, אַזאַ שרעקליכע זאך. דערצו זיינען זיי אזוי צוטומעלט געווארען, אז זיי האָבען ניט געוואוסט וואָס צו טאהן. דערווייל האָט גערשוני געוואונען צייט....“

בוכהענדלער זאָלען זיך ווענדען
נאָך קאָפּיעס פון דעם בוך צו

מ. מייזעל,

422 גרענד סט. ניו־יאָרק.

שוין געוואָלט דיא פערד אין וואלד טרייבען, זיי זאָלען זיך פאשען און אליין צו דער ארבייט געהן; מיט א מאָל איך זעה, ער איז דאָ: „פאָהר — זאָגט ער — אָבער טאקע תיכף ומיד."

— וויא הייסט, היינט אין דער פריה? מען האָט איהם דאָך נאָך נעכטען ביי טאָג אָנגעזאָגט, אז ער זאָל דיך לאָזען וויסען?

— נו, זעהסטו שוין וואָס פאר א גלייכגילטיגער מענש דאָס איז, וויא אזוי ער האָט אונז געקענט פערפיהרען, און איז נאָך א פריינד דערצו. מיט איין האלבער שעה שפעטער, וואָלסטו נישט מיך נישט דיא פוהר ניט געטראָפען! פערשטעהסטו שוין אז ס'איז קיין צייט נישט געווען ווען זיך צו צוגרייטען אין וועג אריין.

— און שפייז איז ביי דיר עפעס פאראן?

— שפייז? אָט דאָס, וואָס איך האָב נאָך צו דער לעצטער רייזע צוגעגרייט איז פאראן, אי דאָס אויב עס איז ניט קאליע געוואָרען.

ס'איז נישטאָ ניט קיין טהעע, ניט וואָס צו עסען, און דער פראָסט שטארקט זיך אלע ווייַלע מעהר, עס הייבט אָן דורכנעהמען א קעלט. אין פעסעל זיינען דיא קליידער און אונטערוועש שטארק איינגענעצט געוואָרען אין קרויט־ראָסעל אזוי אז איצט בין איך אין גאנצען איינגעשמידט אין א קאלטען קאָמפרעס, און זיך אי־בערטהאָן אויפ'ן פראָסט איז נאָך געפעהרליכער. מיר בעשליסען פאָהרען אזוי ווייטער.

עס ווערט פינסטערער. דער הימעל ווערט פערצויגען מיט וואָלקען. עס הויבט זיך אויף א קאלטער שניידענדער ווינד.

— איך האָב זעהר מורא, אז א זאווערוכע זאָל זיך נישט צו־שפיעלען — האָט זיך אָבגערופען דער פוהרמאַן. — עס וועט פער־שיטען דעם וועג, וועט זיין זעהר נישט פריילאך.

מיר פאָהרען מיט גרויס מאטערניש, זוכענדיג כסדר דיא צו־פלאָנטערטע וועגען. מיר זיינען צוגעקומען עפעס צו א טייכעל, דורכגעבראָכען דעם אייז, אָנגעטרונקען דיא פערד, אליין אויך א

טרונק געטהאָן; דער דורשט איז עפּעס געווען אוננאַטירליך; און מיר פאָהרען ווייטער.

רעכענענדיג אַז ביי נאַכט וועט מען אונז זיכער ניט נאָכיאָגען איז פאר אונז זעהר נויטיג געווען צו געווינען צייט. עס איז שוין נאָך האַלבע נאַכט, אַ זייגער דריי, דער פוהרמאַן הויבט זיך אָן קרימען.

— וויא דו ווילסט זיך, גוטער ברודער, מען זעהט ניט קיין וועג. וויא עס ווייזט האָבען מיר זיך אַראָבגעשלאָגען פון וועג.

מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט, אַראָבגעגאַנגען זוכען דעם רעכטען וועג. יאַ, אַזוי איז דאָס, מיר האָבען דעם וועג פערלאָרען. איך שטעל אָן דעם קאָמפּאַס, ער שטעלט זיך כמעט וויא ריכטיג, אָבער קיין וועג זעהט מען ערגעץ ניט. פאָהרען ווייטער האָט קיין זינען ניט; עס בלייבט מעהר נישט איבער, וויא צו וואַרטען ביז עס וועט אָנהויבען טאָגען.

מיר האָבען אויסגעשפּאַנט דיא פערד, גענומען דאָס געוועהר אין דיא הענד אַריין, און זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער וואַך.

אונטער דעם יאָמער פון שטורם, טראָגען זיך דיא געדאַנקען דאָס אין אַקאַטוי און דאָס אַהין, ווייט אין רוסלאַנד.

וואָס הערט זיך איצט אין אַקאַטוי? האָט מען שוין ערפאַהרען וועגען מיין אַנטלויפען? אָדער עס איז געשעהן וויא מען האָט זיך גערעכנט, אַז אין אָבענד ביים איבערזעהען וועט מען קענען נאָך אַלץ פערדעקען? וויא האָבען דיא נאָהענטסטע חברים איבערגע־פיהלט היינטיגען טאָג. אין רוסלאַנד דיא חברים, ווייסען נאָך גע־וויינליך פון גאָר נישט וועט געלינגען אונזער פּלאַן אויסצופיהרען ביז'ן סוף, אָדער עס וועט זיך ערגעץ איבעררייסען? דו ווענדסט אָן אַלע מעגליכקייטען, זאָלסט איבערקליגען דיין שונא, און גליקליך אַרויס פון אַלע סכנות.

ערגעץ וואו האָט אַ קרעה געטהאָן דער האָהן. מיר האָבען אַ ציטער געטהאָן: הייסט דאָס, אַז מיר זיינען נאָהענט לעבען אַ דאָרף. דאָס וואָס מיר האָבען נאָהענטע שכנים איז אונז ניט גאָר אַנגע־נעהם. עס הויבט אָן טאָגען. פון דער ווייטען הייבט זיך פאר אונז

אָן מאָלען אַ הויז. איך בין געבליבען שטעהן אויף דער וואַך און דער פורמאַן איז אַוועקגעגאַנגען זוכען דעם וועג. עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז מיר האָבען זיך נאָך געכאַפּט אין דער צייט, דאָס הייסט דער וועג איז געווען ניט ווייט פון אונז, ביי אַ פערטעל ווערסט. דיא נאַכט איז אריבער בשלום. קיין שום צופאַל האָט ניט פּאַסירט און איצט זיינען מיר כמעט וויא זיכער פון אַן אי־בערפאַל. אפילו דיא געטרייסטע וועג־מענשען וואָלטען ניט קענען דורכמאַכען אַזאַ שטיק וועג אָהן אַברוה. איצט בלייבט נור דיא סכנה אין פאָראויס: מען קען אונז איבערשניידען דעם וועג דאָרט וואוהין מיר פאָהרען אויב מען האָט זיי שוין געלאָזט וויסען פון געפענגנים. דער געפעהרליכסטער מאָמענט, איז דאָס אריינפאָהרען אין דיזען פּונקט. מיר זוכען מיטלען וויא אַזוי מיר זאָלען קענען אויספיהרען אָנצוקומען אהין ביי נאַכט, ווען עס וועט זיין רעכט פינסטער.

דער צווייטער טאָג פון דער נסיעה איז אויך דורכגעגאַנגען בשלום, כמעט קיינע בעגעגענים.

עס ווערט שפּעט. דאָס נעכטיגע ערקעלטונג געהט אריבער אין אַ היץ. דו פיהלסט אַז דו ברענסט וויא אַ שטיק פייער, דער פּנים פלאַמט וויא צופלאַקערט פון גרויס היץ, אין קאָפּ שלאָגט וויא מיט האַמערס. עס הויבט אָן ווערען קאַלאַמוטנע. מעהר וויא דאָס פעלט מיר ניט, אין׳ם רעכטען געפאַהר קראַנק ווערען. מיר בעטראַכטען וויא אַזוי אריינצופאָהרען אין דעם פּונקט, און בעשליסען אַזוי: דער פוהרמאַן לייגט זיך אַוועק אויפ׳ן וואָגען, גאָר אַזוי וויא אַ חולה, און איך, אָנגעטאָהן דיא פּאַסיגע בגדים, בין זיין מענש, נעהם דיא פערד פאַר׳ן צוים און פיהר זיי לאַנגזאַם. פריהער האָבען מיר דיא פערד אַביסעל געלאָזט אויסרוהען, כדי זיי זאָלען נישט אויס־זעהען שטאַרק אויסגעמאַטערט.

עס זעהען זיך פייערלאַך. עס הערט זיך אַ פייף פון אַ דורכ־לויפענדען צוג. מיר קוקען זעהר פאָרזיכטיג אין אַלע זייטען, צו איז ניטאָ עפּעס פערדעכטיגעס. ניטאָ! שוין גאָר לעבען שטעדטעל דערזעהען מיר עפּעס אַ וועגעל; מיר האָבען זיך אויסגעגלייכט מיט׳ן וואָגען. ערשט מיר הערען אַ פּעטען קול פון וואָגען:

— גאָט העלף, ברודער!

— גאָט העלף!

— פון וואנען טראָגט דער גוטער יאָהר?

מיר האָבען נאָך פריהער צווישען זיך אָבגעמאַכט וויא צו ענטמפערן אין פאַל ווען אימיצער וועט זיך אָנהויבען פאַנאַנדער־פרעגען. מיר ענטפערן, געהענדיג מיט דיא פערד אזוי וויא פריהער לאַנגזאַם. דיא פוהר יענע האָט זיך אָבגעשטעלט, און עפּעס אַ יונג געהט צו אונז צו. מיר האָבען זיך געמוזט אָבשטעלען.

— אָה, איהר זייט פון עקס....? ניין, עס קען ניט זיין, איהר זייט ניט פון דאָרטען.

ער רוקט זיך צו מיר נעהענטער צו און קוקט זיך איין.

— עה, איך קען דאָך דיך טאַקע, גוטער ברודער! — ציהט ער אויס דיא האנד און נעמט מיר אַראָב דיא היטעל, וועלכע איז געוועזן אָגערוקט אריבער דיא אויגען. איך בין אַזש פערגליווערט געוואָרען!

— נו, געוויס ביסטו עס, — זאָגט ער — אזוי איז דאָס, גוּ־טער ברודער, איך קען דיך, דו ביסט אַ גוטער מענש דעם אמת געזאָגט, יא, אַ ג—ו—ט—ע—ר.

ער בייגט זיך צו גלייך צו מיין פּנים, גלייך וויא ער וואָלט וועלען מיך ארומכאַפּען.

איך האָב שוין אריינגעלעגט דיא האנד אין טאַש ארויסצו־נעהמען דעם רעוואָלווער, וויא פּלוצלונג האָט פון זיין אָנגעבויגענעם פּנים, אויף מיר אַ שלאַג געטאָן דער ריח פון בראַנפען; איך האָב פאר זיך דערזעהען אַ פערשכורטען, גוטמוטהיגען פּנים!

— נו, נו, פאָהר געזונדערהייד ווייטער! דו ביסט אַ גוטער מענש, און איך, גוטער ברודער, בין אויך אַ גוטער מעש. איך זאָג דיר דעם אמת. איך האָב גענומען אַ ביסעלע בראַנפען, נו, בין איך אַביסעלע פריילאָך. קענסטו דאָס פערשטיין? נו, זיי געזונד, אַ ג—ו—ט—ע—ר מענש ביסט דו!

איך האָב פון טיפען הארצען געדריקט איהם דיא האנד, זיך אָבגעקעהרט מיט גרויס פריידע וועגען אונזער שיידונג, מיר האָבען זיך גוט אויסגעלאכט פון אונזער שרעק, און מיט מעהר מוטה געלאָזט זיך פאָהרען ווייטער.

אין גיכען זיינען מיר געקומען אין זעהר א „לעבעדיג“ שטעטעל. מיר האָבען נאָר געדאַרפט אויפזוכען דיא הייזעל, אין וועלכער אונז איז בעשטימט געווען זיך אָבצושטעלען. עס האָט גענומען א שעה צייט, מיר האָבען אָבער געפונען, און ערפאהרען אז עס זיינען קיינע סמנים ניטאָ פון נאָכיאָגען אונז. איך האָב זיך איבערגעקוקט מיט׳ן פוהרמאן: וויא עס ווייזט, געהט אונזער זאך גאָר ניט שלעכט.

אין דעם שטעדטעל האָב איך נאָך געמוזט געפינען א מענשען, וועלכער האָט געדאַרפט אָרגאַניזירען מיין אָבפאָהרען ווייטער.

איך בין שוין פון לאנג אָן א גרויסער ליעבהאָבער צו שפאַצירען ביי נאכט, איבערהויפט נאָך אין א מאָנד־לאָזער נאכט (זאָלען נאָר סענטימענטאַלנע פריילייגס ניט וואונדערן זיך אויף מיין געשמאַקלאָזיגקייט) און איך קען ניט געדאַכטען צו שפאַצירען ביי טאָג. פאר מיר איז אָבער זעהר נויטיג געווען דעם מענשען געפינען וואָס גיכער.

ס׳איז געווען 8 דער זייגער אין אבענד. און אזוי וויא מיר זיינען געווען אונטערן שטאָדט, איז כדי גיכער צו געפינען דעם וועג נויטיג געווען א פיהרער. צו מיין בעוואונדערן, איז דאָס געווען ניט גאָר אזוי איינפאַך. אויף מיין פאָרשלאָג דעם בעל הבית אז ער זאָל געהן מיט מיר אין דעם געוויסען פלאץ, האָט ער זיך אָבגעשאָקעלט מיט הענד און פיס.

— וואָס רעדט איהר ? גאָט איז מיט איך, איז דען מעגליך געהן אהין איצט ?

— פאר וואָס־זשע טאָר מען ניט ?

— מען וועט דער׳הרג׳ענען, אָהן צווייפעל דער׳הרג׳ענען !

— פאר וואָס־זשע וועט מען אונז הרג'ענען ? מיר ריהרען דאָך קיינעם נישט אָן.

— ביי אונז געהט נישט דורך א נאַכט, אז מען זאָל עמיצען ניט הרג'ענען. צוריק מיט דריי טעג האָט מען 5 מיט א מאָל אויס־געקוילעט, מאָרגען אין דער פריה וועלען מיר געהן.

— מאָרגען אין דער פריה ! איהר זייט א מאָדנער מענש ! מיר האָט מיין בעל הבית בעאויפטראַגט מיט א נויטיגע זאך, אָב־פיהרען א וועקסעל, מאָרגען אין דער פריה, איז פונקט דיא צייט פון צאָהלען, און אויב איך וועל דאָס היינט ניט צושטעלען קען ער האָבען גרויס שאַדען.

— וויא די מעשה איז, ביי נאַכט וועט אָבער קיינער ניט געהן, מען מוז וואַרטען ביז טאָג ; עס העלפט גאָר ניט.

איך האָב זיך גענומען צום פוהרמאַן : — וואָס טהוט מען דאָ, גוטער ברודער ? האָבען מיר דען אומזיסט דיא פערד פערמאַטערט (איין פערד איז אזוי אָבגעשוואַכט, אזוי איבערגעמאַטערט, אז קוים קוים וואָס זיא האָט זיך אהער פערשלעפּט) אז מיר זאָלען זיך ניט ביי טאָג און ניט ביי נאַכט ניט קענען ווייזען אין שטאָדט ? אונזער גאַנצע אַרבייט קען פערלאָרען געהן, מען מוז אימיצען קריגען מיט וועמען צו געהן !

דער פורמאַן זיפצט און קרעכצט. מען געהט צו איינעם, צו א צווייטען, עס העלפט גאַר ניט, פון יעדען בעקומט מען איין ענטפער — מען טאָר ביי נאַכט ניט געהן, מען וועט קוילען.

פון איינעם פון דיא ווייטעסטע ווינקלען, פון וואַנען דיא גאַנצע צייט האָט זיך געהערט א געשמאַקער כראָפּען, האָט זיך פּלוצלונג דערהערט א הילכיגער ברום.

— דו, סוחר, הער זיי נישט ! זיי זאָגען אלע ליגען !

איך זעה, א געלער חברה מאַן הויבט זיך אויף אין זיין גאַנ־צער גרויס, טרייסעלט מיט'ן פויסט, און דער צונג דרעהט זיך ביי איהם אין מויל וויא ביי א שיכור'ן.

— מען טאָר נישט געהן, זאָגט איהר? מען וועט קוילענען? ווער וועט מיך קוילען? איך אליין וועל צעהן זייערע אויסקוילען! קום מיט מיר. א פערד איז ביי מיר, ברודער, א פייער, און א ביקסעל ברודער, האָב איך, אנו, וואָס פאר א ביקס! נאָר א פלעשעלע ווערסטו שטעלען, געהט עס! נור ברידער, זעה בלייב ניט איבער הינטער מיר! אין פאַל טאָמער עפּעס, וועל איך מיט מיין ביקס און דו מיט דיין רעוואָלווער. האָסטו א רעוואָלווער? נו, איז גוט!

א צעהנדליג לייגען מיר אוועק, ברודער. איך, קוזמאַ גראַסי־מאָוו זאָל זיך פאר עמיצען שרעקען? אָ, ניין, דאָס איז נאָך נישט געווען!

עס האָבען זיך אָנגעהויבען האַמפּערייען. אייניגע האָבען געזאָגט אז איך זאָל פאָהרען מיט איהם, אנדערע ווידער האָבען ניט געראַטהען.

— וואוהין פאָהרט מען מיט א שכור'ן?

א גוטער פאָרשלאַג (?) דער בעל הבית פיהרט מיך אָב אָן א זייט:

— וואָס האָט איהר זיך אריינגענומען אין קאָפּ! מיט קוזמאַן זאָלט איהר ניט פאָהרען, איהר זעהט דאָך אליין אז דער מענש איז טוידט שכור, ער וועט אייך אזעלכעס אָנמאַכען, אז איהר וועט ניט גערען זיין פון דער גאַנצער חתונה.

מיר זיינען ארויס אין הויף. אויף אונזער בעראַטהונג זיינען זיך צונויפגעקומען דיא שכנים. אַלע פיהלען מיט, מוזען מוז מען און פאָהרען קען מען אָבער ביי נאַכט ניט. צווישען עולם געפינט זיך אויך א פּאַארעל; א שעהנער יונג, א חתן, און לעבען איהם טולעט זיך פריינדליך א מיידעל מיט א פערפיהרערישען שעהנעם פּנים און קנאַקט צו מיט'ן צונג.

— און איהר שעהנינקע, פאָהרט בעסער אין רוסלאַנד — ווענד איך זיך צו איהר.

— פארוואָס עפּעס? זינגט זיא דורך א פראגע, ווארפענדיג אויף מיר גנב'ישע אויגלאַך.

— ביי אונז אין רוסלאַנד זיינען דיא יונגע לייט כראַברער.

— אונזערע זיינען אויך נישקשה.

— וואָס נישקשה, פייגלינגע זיינען אייערע יונגע לייט. אָט וואָס.... ! נעהמט, צום ביישפּיעל, אייער קאַוואַליער, א יונג דאַכט זיך, שעהן צו קוקען, נור וויא עס שיינט איז ער אויך א פייגלינג.

דער חתן־בחורל געפינט זיך בעליידיגט.

— איך, הייסט עס ? איך בין א פייגלינג ? פון וואַנען דרינגסטו דאָס ?

— פון וואַנען איך דרינג ? וואָלט דען ביי אונז אין רוסלאַנד אזא יונגער מאַן וויא דו מורא געהאַט צו געהן ביי נאַכט ?

דאָס מיידעל קוקט אויף איהם מיט ארויסרופענדע בליקען.

— מען וועט קוילען, איהר האָט דאך געהערט ?

— מען וועט קוילען ? און דו, וואָס ביסטו אַן עופה'לע ? דו האָסט דאַכט זיך א פּאָר גוטע הענד, ניין ? אָט גיעה איך דאָך און האָב גאָר קיין מורא ניט.

וויא עס ווייזט אויס האָט דאָס איהם שטאַרק א נעהם געטאָהן.

— קום, גוטער ברודער, וועסטו בעקומען אויף טהעע און וועסט נאָך ברענגען א מתנה פאר דיין בעשערטער.

דאָס מיידעל נעהמט דעם בחור דורך מיט דיא אויגען.

— נו, און א רעוואָלווער האָסטו ?

— א רעוואָלווער ? נאָך וואָס פאר א מין רעוואָלווער !

איך נעהם ארויס דעם וואונדערליכען „סמיט ענד וועססאָן", וועלכער איז אזוי שעהן בעפּוצט און בעווייז זיי.

דער רעוואָלווער מאַכט אויף זיי אַן איינדרוק.

— נו, זאָל זיין, שפּאַן דיא פערד און מיר פאָהרען !

זיי האָבען זיך אָנגעהויבען סוד'ען. עס איז אונטערגעקומען עפּעס נאָך אַ בחור'ל.

— ווערסט דו געבען צוויי רובעל? פאָהר איך מיט מיין חבר.

— שפּאַן איין!

דער בחור איז געווען אַ פוהרמאַן פון משא. מען האָט איינגעשפּאַנט אַ שווערען וואָגען, אויף וועלכען מען פיהרט משא, דער יונג האָט זיך בעוואָפענט מיט אַ ביקס, איך מיט אַ רעוואָלווער, דער דריטער מיט אַ שווערען אייזען; אריינגעזעצט זיך און מיר האָבען זיך אוועקגעטראָגען שנעל וויא אַ בליץ. איך האָב שוין פערגעסען אויף דיא געפאַהר אפילו. איך האָב זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענד פאַר דעם ברעט פון וואָגען און האָב געהיט זיך ניט אָבצובייסען דיא צונג פון צופיעל טרויסלענעס. אָנצופאַלען אויף אַזאַ עקספּעדיציע וועט זיך ניט יעדערער אונטערשטעהן. מיר זיינען דערפאָהרען ריכטיג. געפונען דעם נויטיגען מענשען און אָבגערעדט מאָרגען פריה גוט אויסגעפינען אלעס וועגען דעם פּלאַץ און פאַרנאַכט אריינקלייבען זיך אין אַ צוג.

אין דעמזעלבען בעוואָפענטען צושטאַנד און אין דערזעלבער אָרדנונג זיינען מיר אין אַ שטונדע ארום געקומען צוריק אַהיים, וואו מען האָט אונז בעגעגענט אלס זיעגער.

מיין פוהרמאַן פיהרט מיך אָב אָן אַ זייט און ראָמט מיר איין אונרוהיג אַ סוד.

— אָט וואָס פאַר אַ צרה, פריצ'ל; מיר האָבען דאָ געטראָפען אין אַ שלעכטען פּלאַץ.

— וואָס איז דען?

— דאָ איז מיט אַ פּאָר טעג צוריק געווען אַ גרויסע גנבה, מאַכט דיא פּאָליציי דאָ ארום יעדען טאָג אָביסקעס. נעכטען אבענד זיינען דאָ געווען דיא פּאָליצייסקע, און עס קען זיין אַז זיי זאָלען היינט דאָ ווידער זיין.

מיט יעדער שטונדע ווערט דאָס שווערער! אָבער וואוהין אריבערצוקלייבען זיך פון דאַנען איז אויך ניטאָ. זאָל זיין וואָס עס וויל. איך האָב זיך וויא עס איז צוגעטוליעט אין דעם קאַלטען ניט געהייצטען הויז. זייענדיג פארטיג מיט אַלעס, האָב איך זיך דער־פיהלט אונגלויבליך מיעד און צובראָכען. ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס איך האָב שוין צוויי טעג ניט געגעסען, האָט זיך עסען ניט געוואָלט. דאָס איז אַ ביטערע מעשה. איך האָב זיך אָנגעטרונקען מיט טהעע און האָב זיך אַוועקגעלייגט.

איך האָב געמוזט האָבען אַ גראַד 40 היץ; ריידען פון היץ האָב איך ניט געהערט, אָבער אין דיא אויגען זיינען געווען האַלו־ציניאַציעס; עפּעס קליינינקע מענשעלאַך, אַזוי וויא לאַלקעס, מיט אונגעהייער גרויסע קעפּ און אַלץ זשאַנדאַרען און זשאַנדאַרען. איך פארשטעה און בין בעוואוסט, וואָס פאר אַ שרעק, אויב איך בלייב דאָ קראַנק, און מיט דיזען געדאַנק בין איך ענדליך איינגעשלאָפען. אין דער פריה כאַפּ איך זיך אויף און מיין ערשטער געדאַנק איז: בין איך געזונד? איך טאַפּ זיך אַרום, איך הויב אָן בעוועגען דיא הענד, דיא פיס. וועלכע טייוואָלים? אַקוראַט וויא עס וואָלט מיט מיר קיין זאַך ניט געטראָפען! פריש און געזונד, נור עסען ווילט זיך כאָטש שטאַרב.

דאָס איז געווען זונטאג. דיא בעל־הבית׳טע, וועלכער דער פוהרמאַן האָט פאררעדט פאר מיר אַ גוט וואָרט, האָט אנגעבאַקט הייסינקע פלעצלעך, וועלכע דיא סיביריאַקעס עסען מיט צילאָזענע פוטער. דאָס האָט געשמעקט גוט.

איך האָב איינגעפּאַקט דיא זאַכען, האָב אָבגעלייגט אָן אַ זייט וואָס מיר איז ניט נויטהיג און אַ זייגער 9 בין איך אַוועק צו דעם נויטיגען מענשען. אָן אויפנאַהמע האָב איך געהאַט אַ גוטע. אויסערגעוועהנליכעס מיטגעפיהל. בעזאָנדערס ווארעם האָבען מיך אויפגענומען דיא אַרמעניער. איין יונגער בחור׳ל האָט זיך אַ וואָרף געטאָהן צו מיין בעקאַנטען, וויא ער האָט נור דערהערט, אַז דאָ איז אָן אַנטלאָפענער פּאָליטישער און מען דאַרף אויסהעלפען, און האָט אַ בעט געטאָהן:

— מען דארף קיינעם ניט, מען דארף ניט קיינעמס הילפע! לאָזט מיך. איך וועל איהם שוין צושטעלען זיכער קיין נ... דאָרט וועל איך אלעס איינאָרדנען, ביי מיר זיינען דאָרט פאראן חברים, פריינד, איהר ווייסט דאָך.

מיין בעקאַנטער האָט איהם א קלאפּ געטאָהן איבער'ן פּלייצע:

— נו, אויב דוא נעהמסט זיך אן איהם צושטעלען, דאן קענען מיר שוין זיך רוהיג פערלאָזען. אלזאָ, גלייך געגאַנגען.

איך בין געשטאַנען דארויף, אז איך מוז זיך אנטאָהן וויא א שלעפּער. מען האָט ערגעץ געקראָגען דיא פּאסענדע בגדים, איך האָב זיך אויסגעפּוצט אין מיין שלעפּערישען קאָסטיום, און ווען איך האָב זיך א קוק געטאָהן אין שפּיגעל, בין איך געוואָרען אויסער זיך פאר שמחה: אן אמת'ער, טיפּישער אָבגעריסענער שלעפּער, וועלכער האָט אויפ'ן וועג ערגעץ אויף וועלכען עס איז אופן געקראָגען זאכען. און אום אויסצוזעהען אין גאנצען וויא עס פּאסט פאר אזא שלעפּער, האָט מען מיינע זאכען איינגעבונדען אין א טוך און איך האָב געהאט מיט זיך א באָנדעל.

איצט בלייבט נור איבער וויא עס איז ארויף אויפ'ן צוג און שוועבען צו מזרח צו. נאָך פיעל פּלענער און מיליטערישע דרייד־לאך, איז אונז דאָך געלונגען אריין אין וואגאָן. דער, וועלכער האָט מיך באגלייט, האָט געשפּיעלט דיא ראָלע אלס מיין בעל־הבית. מיין קאָסטיום און מיין גאנצע אויסזעהען, האָט בעקומען א מתנת־יד פון א זשאנדארם: „וואוהין קריכסטו דוא אזוינער און אזוינער!" א מערקווירדיגע זאך, עס ווילט זיך קיין מאָל נישט גלויבען, אז עס טרעפען אזוינע פעלע ווען א שטוים אין זייט זאָל גאָר פערשאפען פערגעניגען און ארויסרופען מוטה מיט בעגייסטערונג. האָט מיך נור עמיצער אויסגעזידעלט אלס א שלעפּער — איז דאָס פאר מיר דאמאלס געוועזן א מין הימלישע געזאנג.

עפּיס ביי איין אָפיציער האָב איך נאָך פערדיענט 5 קאָפּיקעס אויך: איך לויף מיט'ן קעסעלע נאָך געזאָדענע וואסער, איך הער פון צווייטען קלאס שרייט עמיצער: „עי, ליעבינקער,

ברייננ אין איין וועגס פאר מיר אויף געזאָדענע וואסער, וועסטו דערפאר קריגען אויף טהעע.

— מיט פערגעניגען, וואשע בלאגארדיע!

איך האָב איהם געבראַכט דאָס וואסער, און געקראָגען דער־פאר 5 קאָפּיקעס. נו, טראַכט איך מיר, איצט איז מיין ארבייט ריכטיג, ווען איך האָב אפילו אויף טהעע פערדיענט, און טאַקע פאר דעם אליין דארף איך זעהען נישט האָבען קיין דורכפאל. און ווירקליך אין צייט פון 5—4 טאָג נסיעה מיט'ן צוג זאָל דאָס כאָטש אימיצער אויף מיר א קוק טאָהן מיט נייגעריגקייט, קיינער נישט!

דערעסען האָבען מיר נור דיא קאָנדוקטאָרען. דאָרטען איז איבערהויפט גאָר ניט איינגעפיהרט, אז מען זאָל פאָהרען מיט א בילעט; מען פאָהרט אלס בלינדע פאססאזשירען*) און אזוי וויא פיעלע צאָהלען גאָר דיא קאָנדוקטאָרען אויך ניט, בינדען זיי זיך כסדר צו דיא פאסאזשירען: אלע ווילע געהן זיי צו מיט א פראגע: „האָסטו א בילעט?“ אין בעצוג צו דיא, וועלכע טראָגען מעהר אָדער ווייניגער אשטענדיגע קליידער, בענוגענט מען זיך בלויז מיט א פראגע: „איהר פאָהרט ווייטער?“ מיין אויסזעהען, כאָטש איך האָב יא געהאט א בילעט, האָט דאָך, קענטיג, דעם קאָנדוקטאָר נישט איבערצייגט, אז ער זאָל מיר קענען גלויבען. ער האָט זיך געטראכט: געוויס עפּיס א מין זשוליק.

— בילעט!

— פאראָן, איך פאָהר ווייטער.

— גוט, גוט, בעווייז נור!

איך בעוויז. אין א פּאָר טאָג ארום האָט זיך מיר אליין גע־וואָלט איבערצייגען זיך וואָס זייער בעגריף איז וועגען מיר.

— בילעט!

איך ענטפער וויעדער, אז איך האָב.

---

*) ד. ה. פאָהרען דורך אונטערקויפען דעם קאָנדוקטאָר.

— גוט, גוט, דוא אָבער ווייז נור אקארשט!

איך בעוויז זיי וויעדער.

— אָט, — זאָג איך צו מיין שכן — וויא עס איז ניט גוט צו זיין א קבצן, קיינער גלויבט דיר נישט, איהר וועט מיר גלויבען אויפ'ן וואָרט, אז איך וועל אייך זאָגען, אז איך בין דערמיט ביי זיי נור ערגער פאר אן אנדערן, ווייל איך געה ארעם געקליידעט, און עס קען זיין, אז איך בין גראד אזא מענש וויא ער. וויא מיינט איהר? דער קאָנדוקטאָר האָט זיך אביסעל וויא בעליידיגט זאָגענדיג: — עס טרעפט אָבער, זעהר אָפט אזעלכע פון אייערע חברה, וואָס מען דארף אויף זיי גוט אכטונג געבען.

—פון אייערע ברידער? איך בעט אייך, ווער איז דאָס פון אונזערע ברידער? אליין הייסט דאָס פון וואָס פאר ברידער ביסטו? נישט פון אונזערע? נור וואָס איז פארהאן וואָס צו רעדען. פון אונזערע ברידער קומט דאָס אויס זיינען אלע זשולי־קעס, און פון זייערע; אלע עהרליכע, איאָ? דיא מאשיניסטען, דיא קאָנדוקטאָרען, — אלע זיינען פון אונזערע ברידער, היינט ווער זיינען דאָס דיא גנבים? נישט איהר? דירעקטאָרען, וואָס זיי זיינען גראד פון זייערע ברידער, זיינען אלע עהרליכע? הא? אזוי קומט דאָס אויס נאָך דיין מיינונג?

דער קאָנדוקטאָר האָט זיך נאָך שטארקער דערפיהלט בעליי־דיגט: אך, ברידער, וואָס איז דאָ וואָס צו ריידען, — דער פער־שאָלטענער ברויט צווינגט צו אלעס.

— אזוי איז דאָס טאקע, אז איבער אייער פרנסה, מוז אונ־זער ארעמער ברודער ליידען וויא עהרליך ער זאָל ניט זיין.

— נו, נו, הער שוין אויף, איך האָב דאָך דיר, ברודער, גאָר נישט געטהאָן, דארפסט זיך אויף מיר נישט בעליידיגען. איך האָב נור אזוי געטאָהן, ווייל מיין פלאטץ איז אזא, און ווייטער וואָס איז צו ריידען!..

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר זיינען דערפאָהרען ביז'ן שטאָדט אָהן וועלכען עס איז צופאל; פון דיזער שטאָדט האָב איך גערארפט איבערקלייבען זיך קיין יאפאן. דאָ איז מיר אויסגעקומען אויסצושטעהען אונאנגע־נעהמליכקייטען און פיעלעס דורכצומאכען, ווארום עס איז עפּעס

ארויסגעקומען א פּלאָנטער און מיספערשטענדניס אין דיא פּאַ־ראָלען.— אָבער וועגען דעם אלעם און אויך וועגען דער נסיעה איבער'ן יאפּאנעזישען מעער איז מיר דערוויל אונבעקוועם צו ריידען אויס קאנספּיראטיווע גרינדע.

אין אלגעמיין געזאָגט, איז מיר דאָ ניט געגאנגען. עס איז מיר אויסגעקומען אויסצושטעהען אונטער זעהר שלעכטע אומ־שטענדען א גרויסען ים־שטורעם (טייפון), גאנצע 36 שטונדען איז אויסגעקומען ניט צו שלאָפען. מען האָט געבראָכען מיט בלוט און גאל. איך בין געוועזען זיכער, אז דאָס איז שוין אנגעקומען דער סוף און אויפ'ן הארצען איז געוועזען זעהר ביטער. אָבער דער סוף איז דאָך ניט געקומען, אפילו ניט דער אנהויב פון סוף.

איך בין דערנאָך געוועזען זעהר אונרוהיג צו וועט מיר געלינ־גען דאָס אראָבגעהען פון שיף אין נאגאסאקי. און אָ, וויא לייכ־טער איז מיר געוואָרען ווען איך האָב ארויפגעטראָטען אויף דעם יאפּאנישען באָדען.

איך בין אוועק גלייך צו דעם האוואאישען סענאטאָר, דר. נ. ק. ראססעל.

—איהר דערקענט מיך ניט ?

— ניין

— קוקט זיך אקאָרשט גוט צו.

— דוכט זיך, אז ערגעץ האָבען מיר זיך געטראָפען, אָבער איך קען ווירקליך ניט עראינערן זיך, —זאָגט ער, קוקענדיג אויף מיר אביסעל מיט פערדאכט.

— איך בין דער און דער...

— — — — — — — — — — — — — — — — —